שבת, דעם 17־טן אַפּריל ה. י. איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער צווייטער קולטור־קאָנפערענץ אין מעלבורן, איינגעאָרדנט דורכן לאַנד־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן און קולטור־אָרגאַניזאַציעס. די צוויי הויפּט־רעדעס האָבן געהאַלטן: דער פאָרזיצער פון לאַנד־ראַט פר׳ שמואל ראָזענקראַנץ און דער שרייבער יהודה עלבערג.

זונטיק, דעם 18־טן אַפּריל ה. י. זענען פאָרגעקומען די אַרבעטס־סעסיעס.

*

זונטיק, דעם 9־טן מאַי ה. י. האָט די געזעלשאַפטלעכע טוערין פון יאָהאַנעסבורג, זיסל טאַבאַכאָוויטש, וועלכע האָט געוויילט אין מעלבורן איבערגעגעבן אַ גרוס פון יידישן ישוב אין דרום־אַפריקע. רעפעראַט איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה״.

*

זונטיק, דעם 16־טן און 23־טן מאַי ה. י. האָט דער שרייבער אברהם ציקערט געהאַלטן רעפעראַטן אויף דער טעמע: „דאָס געטלעכע און מענטשלעכע אין תנ״ך״.

*

זונטיק, דעם 30־טן מאַי ה. י. איז פאָרגעקומען אַ קאָלעקטיווער רעפעראַט, אין וועלכן ס׳האָבן אָנטיילגענומען: ד״ר מ. פערשטענדיק: איראַן און איראַק — די נייע לאַגע אין מיטעלן מזרח״. יהודה סבוראַי (ענגליש) די ראָל פון דער מעדיאַ אין דער היינטיקער געזעלשאַפט״. וו. יאַבלאָנסקי: „אַ גרוס פון דער פאַרברייטערטער סעסיע פון וועלט־ראַט אין מאָנטרעאָל״; שמואל ראָזענקראַנץ: „די געשיכטע פון די שוואַרצע יידן — די פאַלאַשן״.

*

זונטיק, דעם 6־טן יוני — ערשטער אויפטריט פון דוד הערמאַן טעאַטער, וועלכער האָט פּרעזענטירט אַן אָוונט פון „פילם און טעאַטער״.

ערשטער טייל: אַנטוויקלונג פון יידישן פילם — אין וואָרט און בילד. צווייטער טייל: שלום עליכמס איינאַקטער: „מענטשן״.

זונטיק דעם 13־טן יוני — 2 פאָרשטעלונגען 4 נ״מ און 8.15 אָוונט.

*

אין יולי 1983, קומט פאַר אין ישראל די 13־טע „זמריה״ — דער פאַרמעסט פון יידישע כאָרן אין דער וועלט.

דער „הזמיר״־כאָר פון מעלבורן, האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער „זמריה״, מיט צוויי יאָר צוריק. ער איז געווען דער איינציקער יידישער כאָר, וואָס האָט געזונגען יידיש, און זיינע אַרויסטריטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין קיבוצים, שטעט און שטעטלעך.

דער „הזמיר״־כאָר וואָלט זיך געוווּנטשן אויסצוברייטערן זיין רעפּרעזענטאַטיוון כּוח. און לאַדט איין די אַלע, וואָס קענען זינגען.

„עטלעכע אַגרעסיווע געדאַנקען וואָס זענען פאַראַן געווען אין זשורנאַל טעקסט״ אָדער זיי זענען פאַראַן (איצטיקע צייט), אָדער זיי זענען געווען (פאַרגאַנגענע צייט).

„אַ צאָל פּראָפעסאָרן זענען אויפן צוזאַמענטרעף אַרויסטרעטן״. ווידעראַמאָל: אַנשטאָט שרייבן: די פּראָפעסאָרן זענען אַרויסגעטראָטן (פאַרגאַנגענע צייט) שרייבט דער מחבר: אַרויסגעטרעטן (קומענדיקע צייט). ווי פאַרן זיך די צוויי ווערטער: זענען (פאַרגאַנגענהייט) מיט אַרויסטרעטן (צוקונפט) אין איין זאַץ?

דאָס זענען דעם רעדאַקטאָרס סודות און ער איז דאָך אגב דער מחבר פון דעם אַרטיקל.

דער פאַראַנען געווען איז נישט קיין דרוק־פעלער און נישט קיין צופעליקייט. אין זעלבן נומער, אויף זייט 8 לייענען מיר:

„אומעטום ווו יידן האָבן געלעבט זענען פאַראַנען געווען קהילות״. קאָן מען טאַקע נישט דערגיין וועגן די יידישע קהילות, צי זיי זענען פאַראַנען, טאַקע הייַנט צו טאָג, אָדער זיי עקזיסטירן מער נישט, ווייל זיי זענען געווען...

נאָוועמבער 1981, זייט 294: „אין די העכסטע עשאַלאָנען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג״; וואָס פאַראַ שייכות האָבן עשאַלאָנען מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג? וואָס עשאַלאָנען זענען, ווייסן מיר. מיר האָבן געוואַנדערט מיט זיי אַהין און צוריק איבער רוסלאַנד.

אין ענגליש זאָגט מען מסתמא אַזוי — אָבער דערווייל פירט מען נאָך נישט דער אמעריקאַנער רעגירונג אין עשאַלאָנען...

„לאָזט ער נאָך איבער אַ ביז גאָר נישט גוטן בייגעשמאַק״ דער אויסדרוק: בייגעשמאַק — איז אַן אָנזאָג פאַר זיך אַ נעגאַטיווע באַצייכענונג. וואָס זשע מיינט שוין אַ נישט גוטן בייגעשמאַק? קאָן מען דען איבערלאָזן אַ גוטן בייגעשמאַק?

זייט 314: דעם רעדאַקטאָרס ליטעראַרישער חנדל:

„סאיז דעמאָלט פאַראַנען געווען אַ שנעלערער וועג״, דעמאָלט איז בלויז געווען אַ שנעלערער וועג. דער פאַראַן קלעפּט זיך דאָ, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט...

און ווייטער: „ווו ער האָט געקענט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ פאַרעדיקן אויטאָ״. איז שבתי געשלאָפן אויפן אויטאָ, און זיך אויפגעכאַפּט? וואָס שבתאי האָט יאָ געטאָן איז: זיך אַרויפגעכאַפּט...

ווערטער — ווי פּאַקן — זענען אַנשטעקנד. אָט איז אסתר ראָזענטאַל־שנײדערמאַן אויך. „געכאַפּט אין דער מעשה״. אין „צוקונפט״ פעברואַר 1982, אויף זייט 53, טוט זי אַ שרייב:

„וואו עס זענען פאַראַנען געווען ספּעציעלע אָפּטיילן מיט דער „קאָרעישער אונטערדריקט שפּראַך״.

די קאָרעער האָט מען דערפאַרטירט. הייסט עס אַז די אָפּטיילונגען זענען געווען...

פון די לעצטנס דורכגעקוקטע נומערן, וואָס זענען אגב אָנגעפּראָפט מיט דרוק־פעלערן, האָט דעם ערגסטן אָפּשניט אַריינגעכאַפּט דער דיכטער מאיר שטיקער. זיין אַרטיקל „יידיש־ענגלישע פּאָעטן״ האָט מען אַזוי צעטרייבערט, אַז די אייגענע מאַמע וואָלט אים נישט דערקאָנט (און דער רעדאַקטאָר האָט אפילו נישט געהאַט די אָנשטענדיקייט צו געבן אַ תיקון־טעות).

זייט 304 למשל: „עפּעס ענלעכעס האָט ער געטאָן מיט אויפזוכן אַ דערציילונג פון אָפּאַטאָשו, וואָס איז ווייט נישט סימפּאַטיש פאַרן גרויסן יידישן שרייבער״.

עס איז פשוט אומגלויבלעך, אַז מאיר שטיקער האָט אַזוי געשריבן. עס דאַרף באַשטימט זיין: סימפּטאָמאַטיש, אָדער כאַראַקטעריסטיש. (עס האַנדלט זיך וועגן אַן אַנטאָלאָגיע — מ.)

זייט 304: „גלייך ווי דער פּראָפעסאָר־רעדאַקטאָר וואָלט זיך געשראָקן פאַר אַ ביסל (וואָס? — דאָ פעלט דאָס וואָרט ליכט) אין דער זיבנהונדערט זייטיקער פינצטערניש פון אַנטאָלאָגיע״.

נאָך אַלעמען ווונדערט אונדז: ניו־יאָרק האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע ליטעראַרישע צענטערס. רעדן מיר דאָך נאָך ביז היינט וועגן די דריי צענטערס, וואָס זענען געווען: וואַרשע — ניו־יאָרק — מאָסקווע.

אין ניו־יאָרק איז דאָ דער קולטור־קאָנגרעס; ייוו״אָ; אַ שרייבער־פאַראיין; אַ יידישער פּען־קלוב; „ציקאָ״; אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער לינגוויסט מרדכי שעכטער און יידיש־קורסן אויף אוניווערסיטעטן — איז שוין טאַקע נישט מעגלעך צו געפינען אין גאַנץ ניו־יאָרק אַ יידן וואָס קאָן יידיש?

די פּרווי פון באַרימטן יידישן דיכטער אָסיפּ מאַנדעלשטאַם האָט אָנגעשריבן אַ בוך: „נאַדיעזשדאַ בעז נאַדעזשדי״. דער פּרויס נאָמען איז נאַדיעזשדאַ (אין רוסיש: האָפענונג) און אַזוי קאָן מען איבערזעצן: נישטאָ קיין האָפענונג פאַר נאַדיעזשדאַן (האָפענונג אָן האָפענונג).

וואָלטן מיר זיך געדאַרפט פאַר איר אַנטשולדיקן, ווען מיר באַנוצן זיך מיט דעם זעלבן פאַרגלייך, און פרעגן: איז טאַקע נישטאָ קיין צוקונפט פאַר דער „צוקונפט״?

## ב. ביי לייטן איז אַנדערש

אין מענטשלעכן כאַראַקטער זענען איינגעפלאָנטערט אַ סך שטריכן, פון וועלכע דער מענטש וואָלט זיך וועלן באַפרייען (דאַרף זיך באַפרייען), ווייל מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג — אַז זיי זענען נעגאַטיווע. טייל — שעדלעכע; טייל — סתם נישט קיין שיינע.

צו וועלכער קאַטעגאָריע עס געהערט קנאה — נעם איך זיך נישט אונטער צו זאָגן. עס איז אָבער אָנגענומען, אַז ס'איז נישט פון די שענסטע, מענטשלעכע מידות.

און דאָך וועל איך זיך מודה זיין, אַז כ'בין מקנא די געזעלשאַפט, וואָס קאָן פאַרטראָגן קריטיק; אַ ליטעראַטור, וואָס האָט קריטיקער וועלכע פאַרשטייען אָפּצושאַצן אַ בוך קורץ און בינדיק, און רעדאַקטאָרן וואָס האַלטן פאַר זייער מאָראַלישער פליכט אָפּצוגעבן אָרט פאַר די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און אָפּשאַצונגען. מיר לייענען אַזעלכע אָפּשאַצונגען אין וועכנטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן זשורנאַל „טיים״; אין דער ביילאַגע צום „אידזש״; „חודשלעכע איבערזיכטן״ און אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער זעלבער

האַלטער (אַקאַונטאַנט), אַ סוחר, אַ קאָמפּיוטער מאַשיניסט אָבער חס וחלילה נישט קיין לערער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מען דאַרף אימפּאָרטירן ייִדישע לערער פון אויסלאַנד, צו לערנען העברעיש, ייִדישע סטודיעס, תנ״ך. דער אימפּאָרטירטער „פּראָדוקט״ איז נישט צוגעפּאַסט צו היגע באַדינגונגען. די לערער פאַרשטייען נישט די פּסיכאָלאָגיע פון דער היגער יוגנט, נאָך דריי יאָר ווען עס ענדיקט זיך דער קאָנטראַקט, פאָרן זיי צוריק אַהיים.

„מאָונט סקאָפּוס קאָלעדזש״ האָט שוין געמאַכט עטלעכע פּרוּוון צו געבן „סקאָלאַרשיפּס״ פאַר היגע יוגנטלעכע צו ווערן לערער. עס האָבן זיך נאָר אָפּגערופן דריי געוועזענע שילער, וועלכע שטודירן אין אַ לערער־סעמינאַר.

✶

עדת ישראל, די שטרענגע אָרטאָדאָקסישע קהילה אין מעלבורן, האָט אויך פּראָבלעמען. זיי זוכן אַ מלמד, וואָס זאָל קענען מאַמע־לשון צו לערנען אינעם חדר פון עדת ישראל פאַר הי געבוירענע קינדער.

האָבן זיי אַנאָנסירט אין דער סאַטמאַרער צייטונג אין ניו־יאָרק א.נ. „דער איד״ ווו זיי אַפּעלירן צו אַ ירא שמים, אַז ער זאָל קומען קיין אויסטראַליע אָננעמען דעם פּאָסטן פון אַ מלמד אין חדר פון עדת ישראל.

לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן מצליח זיין.

✶

עס פּאַסירן פאַלן ווען עמיגראַציע־פּאַפּירן צו ברענגען קרובים פון אויסלאַנד, ווערן אָפּגעזאָגט דורך הויכע באַאַמטע פון עמיגראַציע דעפּאַרטמענט. דאָס רופט אַרויס אַ פאַרדרוס און עגמת נפש ביי די אַפּליקאַנטן.

לעצטנס האָט די רעגירונג געשאַפן אַן „עמיגראַציע איבערזיכט טריבונאַל״ וועלכער וועט יעדע אָפּגעזאָגטע ביטע נאָכאַמאָל באַהאַנדלען אויף דער ווענדונג פון אַפּליקאַנט.

דער „פאַרלאַנג פון איבערזיכט״ דאַרף צוגעשיקט ווערן צום עמיגראַציע־דעפּאַרטמענט. יעדע ביטע וועט באַזונדער באַטראַכט ווערן.

✶

פאַר אַ טייל פון אונדז איז אפשר אומבאַקאַנט די פּילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע א.נ. „טרוד וויס פונדאַציע״ וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1968 פון אַ ירושה, וואָס די אלמנה טרוד וויס האָט איבערגעלאָזט פון איר מאַנס פאַרמעגן פאַר ייִדישן חינוך

טרוד און פרעדעריק וויס זענען געווען פּליטים פון נאַצי־דייטשלאַנד. אין אויסטראַליע האָבן זיי געמאַכט גוטע געשעפטן, איבערגעלאָזט זייער פאַרמעגן אין דער ווערט פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר פאַר חינוך פון ייִדישע נישט פאַרמעגלעכע יוגנטלעכע פון 15 ביז 25 יאָר.

דער קאַפּיטאַל איז אינוועסטירט געוואָרן, פונעם פּראָצענט ווערט יעדעס יאָר צוגעטיילט 45 טויזנט דאָלאַר פאַר סובסידיעס. דורך די 13 יאָר זינט די פונדאַציע עקזיסטירט איז פאַרטיילט געוואָרן 420 טויזנט דאָלאַר סובסידיעס פאַר ייִדישע נישט פאַרמעגלעכע יוגנטלעכע פאַרצוזעצן זייער בילדונג.

# פאַרבייגייענדיק...

## א. ווען דער רעדאַקטאָר וואָלט געקאָנט ייִדיש...

אַ ייִד האָט אַ נאַטור, אַז ווען ער הערט אַ ווונטש, וואָס קאָן נישט אַרויס פון די ראַמען פון אַ טרוים, ענטפערט ער אייך דערויף: ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדלעך...

ווי אַן אילוסטראַציע קאָן מען זיך אַמאָל באַנוצן מיט אַ פאַרעלטערטן ווערטל: אַ חזן — זאָגט דאָס ווערטל — דאַרף האָבן דריי זאַכן: אונטן — אויבן — און אין מיטן...

צום גליק, דאַרף אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג אָדער זשורנאַל האָבן איין זאַך: ער דאַרף קאָנען ס׳לשון אויף וועלכן די צייטונג אָדער דער זשורנאַל דערשיינט.

אַ רעדאַקטאָר איז נישט קיין כישוף־מאַכער, וואָס באַשאַפט טאַלאַנטן. ער דאַרף אַפילו נישט זיין קיין קוואַליפיצירטער שרייבער. ער דאַרף בלויז קאָנען צוגרייטן דאָס מאַטעריאַל עס זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַרן לייענער (אַפילו ווען דער שרייבער גופא האָט עס נישט קלאָר אַרויסגעבראַכט) און איבער אַלעמען — דאַרף ער אָפּהיטן גראַמאַטישע און סטיליסטישע כללים — אויב ער קאָן...

אַזוי איז עס, נאַטירלעך, ביי אַלע פעלקער. אָבער ביי אונדז ייִדן, מוז עס נישט זיין דווקא אַזוי. ס׳איז גענוג אַז אַ מענטש האָט אַנדערע מעלות, למשל: ער איז אַ גוטער סוחר, קאָן ער שוין ווערן רעדאַקטאָר.

שרייבט רזשים דאַווידסאָן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון באַקאַנטן זשורנאַל „מינדזשין״ („אידזש״, מאַנטלי רעוויו 1982) וועגן דעם:

„אַ ליטעראַרישער רעדאַקטאָר קאָן זיין אַלץ צוזאַמען:

אַ קולטור־פּאָליציסט אויף דער וואַך: איינער, וואָס איז נישט אַזוי ווייט אַ שרייבער, ווי אַן איבערשרייבער (כאָטש דאָס מיינט נישט אַז ער איז טאָפּלט אַזוי גוט) דער משגיח פון אַ שפּיל־פּלאַץ פול מיט פּאַסירונגען וועגן וועלכער יעדער איינער פאַנטאַזירט; עפּעס ווי אַ פּייזאַזשגערטנער; און צייטנווייז אויך אַן אינטעלעקטועלער כוואַליע־גליטשער (וואָס דאַרף זיך קיינמאָל נישט איינבילדן — אַז ער איז די די כוואַליע).

אַ גרויסער טייל פון דעם גייסט פון רעדאַגירן ליגט אין נאָכפאָלגן, און נישט בלויז אין צושאַנצן געוויסע שרייבער אָדער אַרטיקלען — נאָר אין כסדרדיקער אָנשטרענגונג צו דעפינירן דעם זשורנאַל און זיינע צילן״.

אָט די אַלע — נישט־פריילעכע — געדאַנקען באַקומט מען, ווען מען טוט צופעליק אַ לייען דעם עלטסטן ייִדישן זשורנאַל „צוקונפט״, וואָס דערשיינט שוין זינט 1892. די „צוקונפט״ האָט געהאַט רעדאַקטאָרן וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם גוטן נאָמען ,וועלכן דער זשורנאַל פאַרמאָגט נאָך ביז היינט. איינער פון זיי — אברהם לעסין — איז געווען רעדאַקטאָר אין משך פון 25 יאָר.

פון די אַלע נומערן פאַר די לעצטע יאָרן, וויל איך בלויז ווי אַ בייִשפּיל, ברענגען די נומערן: נאָוועמבער 1981, יאַנואַר 1982. אין אַן אַרטיקל וועגן האַנאַ אַרענדט לייענען מיר :

געוועזן די געביידע פון מכון למדעי היהדות האָב איך, געזען, ווי מיט יאָרן פריער איז געווען געשריבן אויף דער טיר ביים אַריינגאַנג צו מ. שאָר: ד״ר, פּראָפעסאָר, סענאַטאָר הרב משה שאָר.

פּראָפעסאָר מ. באַלאַבאַן איז געווען פּראָפעסאָר פאר יידישע געשיכטע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. עס האָט אַזוי פּאַסירט אַז אַ פּויִלישער סטודענט פון דייטשער אָפּשטאַמונג (אַ פאָלקס־דייטש) האָט גענומען יידישע געשיכטע ווי אַ קעגנשטאַנד פאר זיין וויסנשאַפטלעכן טיטול, פאַר וועלכן ער האָט געמוזט האָבן אַ געוויסע צאָל פון איינהייטן (סוביעקטס). ער האָט באַקומען זיין טיטול. מער איז ער נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אוניווערסיטעט און אויך נישט אין דער פּערזאָן, פון פּראָפעסאָר באַלאַבאַן. ווען די נאַציס האָבן באַזעצט פּוילן, האָט דער געוועזענער סטודענט זיך באַמיט צו געפינען זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר און האָט אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אַליין איז ער געווען שוין אַ הויכער ס.ס.־מאַן. באַלאַבאַן איז געווען דערשיטערט ווען ער האָט אים דערקאָנט. דער געוועזענער סטודענט האָט אים באַרואיקט און אויפגעקלערט זיין מיסיע צוליב וועלכער ער איז געקומען צו באַלאַבאַנען

דהיינו: ער האָט פאַר באַלאַבאַנען גרויסן דרך־ארץ אַלס צו זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר. ער איז געקומען צו אים ווייל ער וויל טאָן עפּעס גוטס פאָר אים. ער וועט אים געבן א ספּעציעלן צימער מיט א קוך צו וווינען, קיינער וועט אים נישט שטערן. ער וועט אים פאַרזיכערן מיט עסן און טרינקען. פון באַלאַבאַנען פאָדערט ער אַן איינפאַכע זאַך, ער זאָל שרייבן די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן אין גייסט פון דער נייער צייט. ער האָט אים אָנגעוויזן דעם ביישפּיל פון יאזעפוס פלאוויוס, וועגן וועמען באַלאַבאַן האָט אַזוי שיין און מיט גרויס אינטערעס געלערנט.

דער ס.ס.־מאַן פלעגט קומען יעדע וואָך צו באַלאַבאַנען און זיי האָבן ביידע דיסקוטירט פאַרשיידענע פּראָבלעמען. אַזוי לאַנג ווי דער ס.ס.־מאַן איז געווען אין וואַרשע האָט באַלאַבאַן געהאט וואָס צו עסן. שפּעטער איז דער ס.ס.־מאַן פלוצלינג אַריבערגעפירט געוואָרן, און ער האָט זיך מער נישט געזען מיט אים. באַלאַבאַן האָט געענדיקט זיין לעבן ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן.

נאָך אַ פּאָר טעג פאַרברענגען אין וואַרשע אָדער אין דעם וואָס ס'איז געווען פארבליבן פון וואַרשע האָט אונדזער פאָלק באַקומען אַ באַפעל צו גיין אין דער ריכטונג פון בידגאָשטש.

---

* די „קדימה״־ביבליאָטעק
* דער טעאַטער־קרייז
* דער שאַך־קלוב
* דער „הזמיר״־כאָר

זענען אַ טייל פון אונדזער קולטור־לעבן

**ווערט אַ מיטגליד אין די אינסטיטוציעס!**

ש. בענעט

# לאָקאַלע קאָמענטאַרן

אויף דער יערלעכער באַריכט־פאַרזאַמלונג וועגן דער גרעסטער מעלבורנער יידישער טאָג־שולע „מאָונט סקאָפּוס קאָלעדזש״ וועלכע פאַרמאָגט 2500 תלמידים, זענען ארויסגעקומען עטלעכע אינטערעסאַנטע פאַקטן, אויף וועלכע עס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן.

מר. סיימאָנס, פּרעזידענט פון דער שולע האָט גערעדט וועגן די קלאַנגען, אַז די לייבאָר־פּאַרטיי — אויב זי וועט אויסגעוויילט ווערן (דער באַריכט איז געווען פאַר די סטייט־וואַלן אין וויקטאָריע) וועט אויפהערן צו שטיצן „רייכע טאָג שולעס״; אין דער קאַטעגאָריע קען מען אַריינרעכענען „מאָונט סקאָפּוס קאָלעדזש״, ישיבה, יבנה, ביאַליק, קינג דייוויד, שלום עליכם שולע א.א.וו. אויך קאַטוילישע און אַנדערע רעליגיעזע שולעס.

די לייבאָר־פּאַרטיי האָט נישט געגעבן קיין דעפיניציע וואָס באַדייט אַ „רייכע שולע״, צי איז דאָס אַ שולע וועלכע האָט אַ גרויסן באַנק־אָווערדראַפט אויסצוהאַלטן די לערער, אָדער אַזעלכע וועלכע פאַרמאָגט אירע אייגענע געבידעס פאַר ספּאָרט, שווים־באַסיינען, טעניס, ביבליאָטעק און אַנדערע.

יעדע יידישע שולע אין אונדזער ישוב וואָלט שטאַרק געליטן פון אַזאַ דיסקרימינאַציע. נעמט צום ביישפּיל „מאָונט סקאָפּוס קאָלעדזש״, זי באַקומט פון דער וויקטאָריער רעגירונג 800 טויזנט דאָלאַר יערלעך; אויב די סובסידיע וועט אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן עלטערן מוזן צאָלן שכר לימוד פאַר זייערע קינדער מיט 25 פּראָצענט מער, ד. ה., אַז עלטערן וועלן מוזן צוצאָלן 750 דאָלאַר פאַר יעדן קינד.

דאָס זעלבע וועט פּאַסירן אין יעדער יידישער טאָג־שולע. איצט, אַז די לייבאָר־רעגירונג איז שוין אין אָפּיס עטלעכע חדשים, לאָמיר האָפן אַז זיי וועלן ווייטער אָנגיין מיט די סובסידיעס ,און נישט דיסקרימינירן קעגן יידישע פאַמיליעס (צוליב עטלעכע צענדליק רייכע יידישע פאַמיליעס) וועלכע שיקן זייערע קינדער אין יידישע טאָג־שולעס.

★

דער צווייטער פּראָבלעם וואָס איז ארויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, איז: דער מאַנגל אין יידישע לערער, נישט בלויז אין „מאָונט סקאָפּוס קאָלעדזש״, נאָר אויך אין אַנדערע היגע יידישע שולעס.

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן לאָקאַלער יידישער יוגנט, וועלכע דאַרף מאַכן אַ קאַריערע אין פּעדאַגאָגיק. ביי קיין שום אַנדערע עטנישע גרופּעס וועט איר נישט אָנטרעפן אַזאַ נעגאַטיווע באַציאונג ווי ביי יידן, צו ווערן אַ לערער. ביי זיי איז עס אָנגענומען ווי אַ נידעריקע פּראָפעסיע. אין ערגסטן פאַל, אויב אַ יונגערמאַן איז דורכגעפאַלן אין ווערן אַ דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט, וועט ער ווערן אַ בוכ־

אַז דער אויפשטאַנד זאָל זיך אָנהויבן. זיי האָבן געגלויבט אַז היטלער וועט היסן זיין אַרמיי זיך צוריקציען. געשען איז פאַרקערט:

היטלער האָט געמאַכט פון וואַרשע אַ פאַרטיידיקונגס־פונקט. עס זאָל דינען ווי אַ דייטשער סטאַלינגראַד. די פאָליאַקן האָבן דערוואַרט הילף פון די סאָוויעטן. ווען זיי האָבן דאָס נישט דערהאַלטן, האָבן זיי עס דערקלערט אַלס פאַרראַט. אַז די ענגלענדער וועלן נישט זיין בכוח זיי צו העלפן ממשותדיק, האָט קאָמאַראָססקי שוין געוווּסט אַ סך פריער, ווען ער האָט באַקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג אַז נישט קיין מיליטער, נישט קיין עראָפּלאַנען באַזעצט מיט פוילישע פליערס וועלן קאָנען ברענגען הילף פאַר דעם אויפשטאַנד. די איינציקע הילף וואָס ענגלאַנד און אויך די סאָוויעטן האָבן צוגעזאָגט איז געווען אַמוניציע און עסנוואַרג. זיי האָבן דעם צוזאָג געהאַלטן. נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט געווען אַ הילף פאַרן אויפשטאַנד, נאָר פאַרקערט, פאַר די דייטשן, ווייל עס איז אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט. פון דער זייט פון די סאָוויעטישע גענעראַלן (זשוקאָוו, סטעמענקאָוו), וועלכע האָבן אָנגעפירט די אָפענסיווע איז דער אויפשטאַנד קאַטעגאָריש געוואָרן קריטיקירט צוליב די פאָלגנדיקע סיבות:

די פירער פונעם אויפשטאַנד האָבן זיך נישט פאַרשטענדיקט מיט זיי. וואָלטן זיי זיך באַראַטן, וואָלטן זיי אויסגעפונען, אַז ערשט דעמאָלט ווען די סאָוויעטישע אַרמיי וואָלט אָנגעהויבן אַריבערגיין די ווייסל איז די פאַסיקע צייט אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד. אַזוי ווי היטלער האָט געשיקט זיינע בעסטע און שטאַרקסטע איינהייטן כדי נישט דורכלאָזן די סאָוויעטישע אַרמייען אין דער ריכטונג פון בערלין, דעם הויפּט פונקט פון דייטשלאַנד, האָבן במילא די סאָוויעטישע אַרמייען געמוזט זיך פאַרשטאַרקן מיט מער איינהייטן און פאַרשטאַרקן זייער אָנגריפס־פּלאַן. היטלער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז פיאיק צו לערנען אָפילו פון מפּלות. און וואַרשע האָט געזאָלט ווערן דער סימבאָל פון אַן ערנסטער רוסישער מפּלה.

ציעכאַנאָווסקי קומט צו דער מסקנה, אַז קאָמאַראָווסקי האָט נישט געמאַכט קיין רעאַליסטישן אַנאַליז פון דער מיליטערישער לאַגע. אַנדערע פאַרשטייער פון דער רעגירונג אין לאָנדאָן האָבן בעסער אַנאַליזירט די רעאַלע לאַגע פאַר דעם פוילישן אויפשטאַנד. די מיינונגען פון די וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב די סאָוויעטן וועלן נישט אַריינגיין קיין וואַרשע גלייך נאָך דעם, ווען די פּאָליאַקן הויבן אָן דעם אויפשטאַנד, וועט דער אויפשטאַנד נישט האָבן קיין מעגלעכקייט פון דערפאָלג, אַז דאָס איז געווען דער אמת, וואָס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן. קאָמאַראָווסקיס באַשלוס אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד האָט קעגן זיך געהאַט סיבות נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט נישט קיין אויסזיכט אויף נצחון, עס האָט גיכער געהאַט לאָגישע סיבות ער זאָל זיך בכלל נישט אָנהויבן.

די באַפעלקערונג איז געווען באַצויבערט פון דעם באַשלוס אָנצוהויבן דעם קאַמף קעגן די דייטשע חיות אין זעלנערישע מונדירן. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער הויפּט פון אַן אַרמיי איז אין אַ לעגאַלער פּאָזיציע צו דערקלערן אַ קאַמף קעגן אַ בלוטיקן שונא אָפילו ווען שפּעטערדיקע געשעענישן ענדערן די רעאַלע לאַגע און ער פאַרשפּילט דעם קאַמף. אָבער אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד איז פאַר אַ סך פון די אָנפירער געווען קלאָר איז די צייט נאָך נישט גינסטיק און דערפאַר זייער סכנותדיק. קאָמאַראָווסקיס באַשלוס איז געווען געבויט אויף אַ נישט זיכערן יסוד. דער וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט געבראַכט אַ סך אומגליק און דעם טויט פון דער באַפעלקערונג. דער איינציקער פּאָזיטיווער ווערט לויט די היסטאָריקער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פוילישן פאָלק האָנאָר.

זייענדיק אַ פאָלק, וואָס איז כסדר גרייט און פעאיק צו קעמפן און שטאַרבן פאַר זיין לאַנד און פאָלקס־פרייהייט.

אין דער זעלבער שטאָט איז פאָרגעקומען אַן אַנדערער בולטער סימבאָל פון אַ קאַמף, וועמענס איינציקער ציל איז געווען האָנאָר און כבוד. דער יידישער אויפשטאַנד אין געטאָ, קיין שום מעגלעכקייטן אויף אַ מאַטעריעלן, קערפּערלעכן זיג האָט נישט געקאָנט עקזיסטירן, אַז מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט גלויבן. דער פוילישער אויפשטאַנד איז געווען אַ טראַגעדיע ניט נאָר פאַר פּאָליאַקן דאָס איז געווען אויך אַ טראַגעדיע פאַר די יידן און בירגער פון אַנדערע לענדער וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשע. ס'זענען פאַראַן באַריכטן, אַז אַרום טויזנט יידן וועלכע זענען צוליב פאַרשיידענע סיבות געבליבן לעבן נאָכן יידישן אויפשטאַנד, זענען געווען צווישן די וועלכע האָבן געקעמפט אין פוילישן אויפשטאַנד. אויך איינצלנע פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די דייטשע פאַבריקן זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די רייען פון די קעמפער. יצחק צוקערמאַן האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין נאָמען פון דער „יידישער קעמפער אָרגאַניזאַציע" אין וועלכן ער האָט גערופן אַלע יידן צו קעמפן קעגן די דייטשן. אייניקע יידן זענען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם „ווירטוטי מיליטאַרי" און „אויסצייכענונג קרייץ". עס איז באַקאַנט אַז אַ יידישע פרוי שושנה קאָסאָווער האָט באַקומען אַן „אויסצייכענונג קרייץ" פאַר אַריבערפירן קעמפערס דורך אונטערערדישע טונעלן.

נאָר אַ פּאָר טעג זענען מיר, עטלעכע אָפיצירן אַרומגעגאַנגען אין וואַרשע. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם אוניווערסיטעט. פאַר מיינע אויגן זענען געלעגן צעבראָכענע שטיינער און ציגל. נאָר איך האָב געזוכט פּראָפעסאָר קאָטאַרבינסקי, פּראָפעסאָר שערודאָ און אַנדערע פּראָפעסאָרן וועלכע איך האָב געוואָלט אַז זיי זאָלן מיך זען, אַז איך האָב אָן זיי נישט פאַרגעסן, אַז איך פאַרער זיי. איך האָב געזען אויפן אוניווערסיטעט סטודענטן מיט ביכער אין זייערע הענט. אויפן אָרט ווו ס'איז

גראַשנדיקע אַמביציעס, האָפענונגסלאָזע קבצנים אין טויזנט פאַלעס...

אויך וועגן 24טן בוך לאָזט זיך זאָגן דאָס — וואָס ניגער זאָגט וועגן צווייטן, אַז טענענבוימס דערציילונגען: „שטאַמען פון אַ טאָג־בוך, וואָס האָט אין זיך מענטשן־ליבע, נישט פּריוואַטע אינטימיטעט פון אַ טאָג־בוך, וואָס איז געשריבן פון אַ פיינפילנדיקן, לײַדנדיקן מיטלײַדנדיקן מענטשן“.

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די באַמערקונג וואָס איך גיי דאָ מאַכן, האָט שוין געוויס עמעצער פריער געמאַכט:

וועגן וואָס און וועגן וועמען ש. ט. זאָל נישט שרייבן, אין לעצטן סך־הכל שרייבט ער וועגן זיך.

מען קאָן נישט אויסמײַדן צו מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער שפּראַך פון בוך, הגם איך צווייפל זייער, צי ש. ט. איז מסוגל צו ענדערן זײַן שפּראַך, נאָכן אָנשרייבן 24 ביכער אין משך פון 50 יאָר.

אָנגעזאַפּט מיט וועלטלעכער קולטור, אינטעליגענץ, באַגאַבט — איז ש. ט. געבליבן בײַ זײַן פּילעוגער ייִדיש, ווו אַ מיידל קישט מען, און לידער שרייבט מען אין אַ קאַיעט, און אַ קריסטלעכער בית־עולם איז אַ צמענטאַזש. אין בוך זענען אויך דאָ אַרבעטן, שוין פריער געדרוקטע און מען פילט די האַנט פון אַ רעדאַקטאָר, סיי אין סטיל און סיי אין שפּראַך.

ש. ניגער האָט שוין דאָ אָנגעוויזן, אַז:

„עס וואָלט געווען גוט, ווען עמעצער זאָל עס האָבן רעדאַגירט און געקירצט (דאָס וואָלט, אגב, נוצלעך געווען פאַר אַ סך זאַכן וואָס זענען אַרײַן אין בוך) ס'איז אָבער סיי ווי אַ ליד אין פּראָזע.

די זעלבע באַמערקונג קאָן מען מיט אַ רואיק געוויסן מאַכן אויך וועגן איצטיקן בוך: ס'איז אַ טרויעריק ליד...

עטלעכע בײַשפּילן פון ש. ט. סטיל, וועלן אילוסטרירן אונדזער מיינונג:

זייט 6: „אָבער ער האָט געהאַט אַ פּריינטלעכע פּרוי מיט אַ תאווהדיקן בוזעם. יעדעס מאָל ווען זי איז אַדורכגעגאַנגען דעם שמאָלן שטח צווישן מיר און דעם קאַסטן מיט שריפט, ווו איך בין געשטאַנען, האָט זי כלומרשט, צוליב דער ענגשאַפט זיך געמוזט צודריקן מיט איר גוף צו מײַנעם. איך האָב דערפילט דעם רייץ פון איר געזונטן קערפּער, דעם ריח פון איר רײַפן לײַב, די שווערקייט פון אירע בריסטן; דעם הייסן ברי פון איר ראָמאַנטישן גייסט“.

זייט 510: די שענסטע בתולות טאַנצן פאַר איר כמעט נאַקעטערהייט. איך בין דאָרט אַליין געווען. (די מלכה שבא קומט קיין ירושלים). „דאָס פאַסטוך־מיידל שולמית, וועמענס בריסטלעך האָבן קוים אַרויסגעבליט ווי צאַרטע קנאָספּן פון איר קרייד־ווײַסן לײַב“. (דאָרט).

זייט 491: „די שיכורע פלעמער און זייערע פעטע ווײַבער, דערמאָנענדיק אין די פרויענפיגורן אויף די מאָלערייען פון דעם מעכטיקן רובענס“...

טענענבוימיזם איז אַ נוסח, אַ ליטעראַרישע שיטה, אַן אייגנאַרטיקער דרך. אַמאָל איז עס אַ מעלה — און אַמאָל — א חסרון פאַר אַ שרייבער. דאָס איז בלויז אָפּהענגיק דערפון — ווי דער לייענער נעמט עס אויף.

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# אויפן וועג קיין בערלין

## (זכרונות)

אָנהויב יאַנואַר 1945 זענען מיר אַריבער דעם טײַך ווייסל. די סיבות וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרצוזעצן דעם סאָוויעטישן אָנגריף אין דער ריכטונג פון וואַרשע, און דערמיט דעם מאַרש אויף בערלין, איז די טעמע פון אַ דיסקוסיע צווישן פאַרשידענע היסטאָריקער, ווײַל אין תוך איז עס געוואָרן א פּאָליטישער סיכסוך.

איין צד פון די היסטאָריקער האַלט אַז אַזוי ווי די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן קעגן היטלערן מיט דעם ציל צו פאַרניכטן היטלערס אַרמיי און צוריקשטעלן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, האָט פּוילן געהאַט די מאָראַלישע און היסטאָרישע רעכט צו באַקומען אונטערשטיצונג פון די אַלעאירטע מלוכות אין דער פאָרם פון טעכנישער הילף, כדי צו קענען ווײַטער פאַרטרײַבן די נאַציסטישע מחנות ווען די וועלן זיך געפינען נאָענט פון וואַרשע.

דאָס אויסקלײַבן די צײַט פון אָנהויבן די מלחמה פון פּוילן, דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע קעגן די דײַטשן דעם 31־טן יולי 1944 איז געווען דער רעזולטאַט פון גענעראַל קאָמאָראָווסקיס באַשלוס.

די סיבות אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד זענען געווען אויבערפלעכלעך לאָגישע. ס'איז שוין געווען באַקאַנט, אַז די אַרמיי האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף היטלערן, אמת נישט קיין געלונגענעם. דאָס האָט אָבער געוויזן, אַז אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי זענען פאַראַן גענעראַלן אומצופרידענע מיט היטלערן.. די מפּלות וואָס די דײַטשע אַרמיי האָט געהאַט פון די ווײַס־רוסישע און אוקראַאינישע אָפענסיוועס האָבן דערמוטיקט דעם גלויבן, אַז די דײַטשן וועלן צוריקגיין אין דער ריכטונג פון בערלין ווײַל זיי וועלן נישט זײַן בכוח אויפצוהאַלטן דעם פראָנט נעבן וואַרשע.

אין יולי 1944 האָט קאָמאָראָווסקי אַליין געמאָלדן קיין לאָנדאָן, אַז די דײַטשן מאַכן אין וואַרשע פון יעדער געבײַדע, און אַפילו פון פּשוטע צימערן — ווידערשטאַנדס־צענטערן און פעסטונגען, פאַרזען מיט בונקערס. דעריבער האַלט ער, אַז אָנצוהויבן איצט דעם אויפשטאַנד איז נישט געווונטשן ווײַל עס האָט נישט קיין אויסזיכט צו האָבן אַ דערפאָלג אין אַ קורצער צײַט. אין משך פון אַ וואָך האָט קאָמאָראָווסקי געביטן זײַן מיינונג און האָט געמאָלדן לאָנדאָן אַז ער הויבט אָן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

לויט דער מיינונג פון איין פּוילישן היסטאָריקער י. מ. ציעכאַנאָווסקי אין זײַן בוך: „דער וואַרשעווער אויפשטאַנד אין 1944“ האָט קאָמאָראָווסקי געביטן זײַן מיינונג אונטערן אײַנפלוס און דרוק פון אַנדערע גענעראַלן, וועלכע האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך

מ. אייזענבוד

# אביונים — וואָס האָבן געשאָפן אוצרות...

ש. טענענבוים: „ער וועט צוריקקומען פון אוישוויץ": עסייען, דערציילונגען, זכרונות, פּראָכט־אויסגאַבע, „ציקאָ"־פאַרלאַג, 1981. 510 ז"ז.

האַלטן מיר שוין ביים פיראונצוואַנציקסטן בוך פון שיע טענענבוים. ער איז דאָכט זיך דער פּראָדוקטיווסטער יידישער שרייבער אין אונדזער ליטעראַטור.

לויט סאָוויעטישע מאָסן, קאָן מען זאָגן — איז טענענבוים אַ „סטאַכאַנאָוויעץ", און וואָלט ער טאַקע געלעבט אין סאָוויעט־רוסלאַנד (אויב ער וואָלט דערלעבט) וואָלט זיין פּאָרטרעט געהאָנגען אין אַלע שאָכטן; אין אַלע קולטור־קלובן; מען וואָלט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלן טענענבוים־פּאַיאָק, און ער אליין — שיע טענענבוים וואָלט אוודאי פאַרמאָגט אַ דאַטשע הינטער מאָסקווע און וואָלט זיך, אויף די עלטערע יאָרן געוואַרעמט אין אַ קוראָרט, וואָס הייסט סאָטשי... ווען...

אָבער ש. טענענבוים לעבט אין ניו־יאָרק, ערגעץ ווו אין אַ צימער און האַלט אין איין דערציילן אונדז וועגן יידישע שרייבער, קינסטלער וואָס האָבן געלעבט ווי אביונים — אָוועק פון דער וועלט צעבראָכענע, איינזאַמע מענטשן, און דאָך האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט אוצרות — דאָס איז די יידישע ליטעראַטור, מיט וועלכער מיר גרויסן זיך ביזן היינטיקן טאָג.

טענענבוימס שפּראַך איז אַ קלינגענדיקע, מחמת זי באַשטייט פון לויטער מעטאַלן. טענענבוימס באַגריפן פון מעטאַלן זענען פון איינעם, וואָס מ׳קאָן מיינען, אַז ער האָט אַ לעבן לאַנג שטודירט אין אַ מעטאַלורגישן אינ־סטיטוט. עס קלינגט מיט בראָנדז און קופּער, מיט גאָלד און זילבער — און נעמען, נעמט זיך עס וואַרשיינלעך דערפון, וואָס טענענבוים האָט אַ גאַנץ לעבן געהאָט צו טאָן מיט איין סאָרט פון גרזיען מעטאַל־בליי, מחמת ער איז אַ שריפטזעצער. אים איז געלונגען דאָס — וועגן וואָס די מיטלאַלטערלעכע אַלכעמיקער האָבן געטרוימט, און ס׳איז זיי נישט געלונגען: בליי צו פאַרוואַנדלען אין גאָלד. אמת טאַקע — אין ליטעראַרישן גאָלד, וואָס איז בלויז אַ גייסטיקע מטבע.

אַזוי איז אויך טענענבוימס הימל. לויטן וועטער ביוראָ איז דער הימל בלוי, פאַרוואָלקנט, אָדער בידע צוזאַמען. דאָס איז אַ צו פּראָזאַישער הימל. טענענבוימס הימל איז ברענענדיק, שריפות, צונטער־רויט־בלוטיק — ממש דער נאָך־אַטאָם הימל, וואָס ברענט מיט אַלע פלאַקערן פון גיהנום.

במילא איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס טענענבוימס פרויען זענען פול־בחימדיקע, עראָטיש־אָנציענדיקע, תאווהדיקע, פול־לייביקע, מיט אויגן — וואָס בעטן זיך רחמים — מ׳זאָל זיי טאָן די טובה און ליב האָבן...

צופיל איינזאַמע טעג — האָט וויזט אויס טענענבוים פאַרבראַכט אין די מוזעאומס פון אַנטווערפּן, פּאַריז און רוים, ניו־יאָרק, איינגעזאַפּט אין זיך די סקולפּטורן און בילדער פון די מיטלאַלטערלעכע מייסטערס. יענע יאָרן (און די נעמען פון די מייסטערס) גייען אגב נישט אַראָפּ פון זיין פּען. מחמת אין יענער יאָרן פון מיטל־אַלטער זענען אַנטבלויזטע, פולבוזימדיקע, פעטלייביקע פרויען געווען דער סימן פון ווילטאָג און צוזאָגנדיקע עראָטישע פאַרגעניגנס...

עס זעט אויס, אַז טיף אין טענענבוימס פאַנטאַזיע בלאָנקען נאָך אַלץ אַרום נישט אויסגעלעבטע בחורישע טרוימען.

פון די אַלע עלעמענטן האָט אָבער טענענבוים באַוויזן אויסצוועבן זיין „פליענדיקן טעפּיך", צו באַשאַפן ליטע־ראַטור אויף אַזוי פיל, אַז ס׳האָט געסטייעט אויף פיראונ־צוואַנציק ביכער.

נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון אַ שרייבער איז אוודאי נויטיק צו ציען אַ פּאַראַלעל מיט זיין פריערדיקן שאַפן. מען קאָן זאָגן, אַז אין פאָרם און שפּראַך איז ביי טענענ־בוימען קיין ענדערונג נישט פאָרגעקומען, זינט זיין דרייצענטן בוך: „דער אמת זאָל זיין דיין שטערן", דער־שינען אין 1960. אין אַן אָפּשאַצונג וועגן בוך, שרייבט חיים ליבערמאַן אין „פאָרווערטס":

„אין טענענבוימס ווערק שווימלט און גריבלט עס מיט רעפערענצן פון דער קלאַסישער וועלט, פון דער מאָלע־רישער וועלט, פון דער קלאַסישער מיטאָלאָגיע".

און ווייטער:

די ווולקאַנישע ערד־ציטערניש (די ערשטע וועלט־מלחמה — מ.א.) וואָס איז דעמאָלט אריין אין זיין נשמה ציטערט אין אים נאָך היינט און שפּייט מיט העלישן פייער אַריין אין זיין האַרצן נאָך היינטיקן טאָג".

די ווולקאַנישע ערד־ציטערניש שפּירט מען גענוי אַזוי אויך אין 24טן בוך.

נאָך איין פּאַראַלעל דאַרף מען ציען:

ש. ניגער, אין „טאָג", שרייבט וועגן טענענבוימס צווייט בוך: „ביי דער וועלט צוגאָסט", דערשינען אין 1937. אין דער אָפּשאַצונג ציטירט ניגער אַן אָפּזאַץ פון בוך, ווו טענענבוים שילדערט זיין באַגעגעניש מיט די עלטערן אין ניו־יאָרק:

„ניין, איך קאָן נישט מער מיט זיי ריידן. זיי ריידן תמיד פון פאַרשוווּנדענע מענטשן, פון שאָטנס".

אָט דאָ באַמערקן מיר שוין אַן ענדערונג. דאָס — וואָס טענענבוים וואַרפט פאָר זיינע עלטערן, קאָן מען אים פאָרוואַרפן: זיין בוך איז פול נישט נאָר מיט שאָטנס פון פאַרשווּנדענע מענטשן, נאָר פשוט מיט שאָטנס פון שאָטנס...

געווים. ש.ט. האָט געקאָנט דאָס יידיש־ליטעראַרישע ניו־יאָרק, אירע שרייבער און קאַפּייען, און ער זעט נישט די שרייבער ווי קינסטלער, ווי שעפער, נאָר ווי מענטשן, פול מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, קרענקלעכע און

לאַנג אַ שוכן־עפר. ער איז געהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע אויפן וועג קיין דיילספאָרד. דער גורל פון דער בראָשור איז אָבער געווען אַן אינטערעסאַנטער — זי איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מסתמא האָט ישראל זאַקס זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס, ווייל אין שטאָט האָט מען די בראָשור נישט געזען. וויניקע מענטשן געדענקען היינט וועגן איר. דאָס איז געווען אין יאָר 1948 און ביי מיר האָט זיך פאַרבאַהאַלטן איין עקזעמפּלאַר, וועלכע איך וועל, איבער הונדערט און צוואַנציק, איבערגעבן אין אַ יידישן אַרכיוו.

## די נישט דערשינענע בראָשור פון יהושע ראַפּאַפּאָרט

אַרום 1960, ווען איך האָב שוין געהאַט מיין אייגענע דרוקעריי, איז געקומען צו מיר דער באַקאַנטער שרייבער יהושע ראַפּאַפּאָרט מיט אַן ענין: ער וויל אַרויסגעבן אַ בראָשור וועגן געטאָ אין שאַנכיי. איך האָב דאַן נאָך נישט געהאַט קיין לינאָטיפּ און יידישע שריפט. בין איך אַוועק אין „די יידישע נייעס" און דאָרט אויסגעזעצט די בראָשור און גענומען די שפּאַלטן צו זיך — אַרום 25 זענען זיי געווען. די בראָשור האָט געזאָלט פינאַנסירט ווערן פון היגן תושב קאַראַפּקאַ, אַ מענטש וועלכער איז געווען מיט אונדז אין שאַנכיי און געהאַט אַ זייער גוטע באַציאונג צו ראַפּאַפּאָרטן. ער האָט געהאַט דאַן איינגעצאָלט דערויף ניינציק פונט.

האָב איך אָוועקגעגעבן די קאָרעקטן ראַפּאַפּאָרטן און איך בין געווען זייער איבערראַשט צו קריגן פון אים אַן ענטפער –– ער גיט נישט אַרויס די בראָשור. דער מאָטיוו — ער האָט מורא פאַר אַ לייבל־פּראָצעס, ווייל עס ווערן דערמאָנט אין דער בראָשור אין אַ נעגאַטיווער פאָרם אַ ריי איינוווינער פון שאַנכיי פון צווישן די רוסישן יידן.

איך האָב פּרובירט איבערציינגן ראַפּאַפּאָרטן, אַז ער איז נישט גערעכט. קיינער וועט נישט קומען פון אויסלאַנד, אויב זיי לעבן נאָך אפילו, און אים אָנקלאָגן אין היגן געריכט. אָבער ס'האָט מיר גאָר נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן ביי זיין מיינונג. ער האָט מיר די קאָרעקטן נישט צוריקגעגעבן און איך האָב פאַנאַנדערגעוואָרפן דעם זאַץ. ביזן היינטיקן טאָג קען איך מיר אָבער נישט שענקען וואָס איך האָב נישט אָפּגעצויגן נאָך אַ מאָל קאָרעקטן און די געלאָזט פאַר זיך. צי די זענען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין ראַפּאַפּאָרטס אַרכיוו, וועלכער איז דורך זיין פרוי מאַליע איבערגעשיקט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים — דאָס ווייס איך נישט.

## צוריק צו וואַרשע...

מיינע אויבן געשריבענע זכרונות האָבן אַ שייכות צו דעם מעלבורנער פעריאָד פון מיין לעבן. אָבער אָט האָב איך געלייענט אין מערץ־אַפּריל נומער „אונזער צייט" (ניו־יאָרק) אַן אַרטיקל פון דעם מעלבורנער שרייבער יצחק קאַהאַן וועגן דער אַ מאָל זייער באַקאַנטער באַלשעוויטשקע אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי, געשריבן אויפן סמך פון אַ ביאָגראַפיש בוך פון אַן ענגלישער שרייבערין ביטריס פאַרנסוואָרט.

עס וועט דעריבער זיין אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז מיין עלטסטער ברודער דוד, וועלכער איז געווען דירעקטאָר פון דער אַדמיניסטראַציע פון וואַרשעווער „היינט" האָט אין יאָר 1929 איבערגעזעצט פון רוסיש דאָס בוך פון אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי „פרייע ליבע" און עס אַרויסגעגעבן אויף יידיש אין פאַרלאַג שלמה צוקער, אויך אַ מיטאַרבעטער פון „היינט" (אגב האָט מיין ברודער אויך איבערגעזעצט דאָס בוך פון אַ רוסיש־יידישן דאָקטאָר פרידלאַנד א"נ „פון אונטערן וויסן פאַרהאַנג"). מיין ברודער איז אויך געווען דער אַרויסגעבער פון דעם פּאָפּולערן זשורנאַל „דער הויזדאָקטאָר". דאָס בוך „פרייע ליבע" געפינט זיך ביי מיר. דאָס האָב איך געקראָגן פון מיין ברודער שלמה, וועלכער האָט עס געהאַט אין טשילע.

אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי איז געווען אַ פייערדיקע רעוואָלוציאָנערקע און זייער דרייסט אין אירע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און האַנדלונגען. ווען די פרויען־לייענערינס פון יענער צייט האָבן זיך געוואָלט אידענטיפיצירן מיט די העלדן פון בוך, זענען אפילו די פּראָגרעסיווסטע פון זיי נישט דערגאַנגען צו דער באָבע, ווער רעדט שוין וועגן דער טאָכטער און איניקל. קאָלאָנטאַי איז פאַרויסגעשפּרונגען איר דור מיט אַ וואָסערע זעכציק־זיבעציק יאָר — צו אונדזערע היינטיקע טעג...

---

## ד. הערמאַן טעאַטער באַנייט זיין טעטיקייט

דער גוטער איינפאַל, צו פאַרבינדן פילם מיט טעאַטער באַוויזט, אַז דער דוד הערמאַן טעאַטער האָט געפונען דעם פּאַסיקן וועג צו באַנייען זיין טעטיקייט.

די דערפאָלגרייכע פאָרשטעלונגען, דורכגעפירט אין חודש יוני ה. י. האָבן באַוויזן, אַז טראָץ די שווערע פאַרלוסטן, פאַרמאָגט נאָך דאָס יידישע מעלבורן פּאָטענציאַלע יונגע כוחות, וועלכע קאָנען אריינברענגען אַ נייעם שווונג אין דער יידישער טעאַטער־טעטיקייט.

פר' יאַשאַ שער האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווען ער האָט זיך אונטערגענומען צו שטעלן שלום עליכמס איינאַקטער „מענטשן". דאָ האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז אין שטעלן אַ פּיעסע; דאָ האָט זיך געפאָדערט אַיין גלויביקער, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אַ שטופּ צו טאָן דעם וואָגן, ער זאָל זיך רירן פון אָרט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך אָפּטימיזם כדי צו אינספּירירן די מיטגלידער פון קרייז, אַז אַז אַלץ איז נאָך נישט פאַרפאַלן.

מיר שאַצן אָפּ, די מי און ענערגיע, און קומען צום אויספיר: עס איז ווערט געווען.

דער אָפּקלייב פון די פילם־פראַגמענטן באַווייזן, אַז פר' ציליך איז נישט סתם אַ פאָטאָגראַף, נאָר אַז אין אים צאַפּלט די נשמה פון אַ קינסטלער (אַ זאַך, וואָס מיר האָבן לאַנג צוריק חושד געווען...) און ביי געהעריקע מעגלעכקייטן, קאָן פר' ציליך איין טאָג אונדז איבעראַשן מיט אַ פילם, פון אייגענער קרעאַציע.

**טע־אַם.**

אַז די סאָוויעטן האָבן „געראַטעוועט“ די ייִדן. דעמאָלט אָבער איז עס געווען אַ פינצטערע גזירה פון וועלכער ס'האָבן געליטן פיל טויזנטער מענטשן.

איך וויל דאָ בלויז אונטערשטרייכן דעם פּאָליטישן דרוק וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף רייזנערן מצד אַ מענטש, וועלכער איז לחלוטין נישט געווען באַרעכטיקט דערצו.

אגב, האָט מען דעמאָלט געמאַכט אויף רייזנערן אויך אַנדערע אופנים פון דרוק כדי ער זאָל „קאָרעגירן“ געוויסע זאַצן פון בוך, ער זאָל נישט דערמאָנען קאָמפּראָמיטירטע נעמען און ענלעכע זאַכן.

רפאל רייזנער איז געווען אַ שטילער און אָרנטלעכער מענטש, אַ שווער געליטענער קרבן פון די נאַצי־בעסטיעס און ס'איז אים נישט געווען באַשערט צו געניסן פון דעם בעסערן לעבן אין אויסטראַליע. נאָך עטלעכע יאָר לעבן אין מעלבורן, איז ער גאַנץ יונג געשטאָרבן. אַ גרויסער שאָד.

## „איינער פון פאָלק“

דאָס צווייטע ביכל, וואָס איך האָב דאַן געקראָגן צו זעצן, איז געווען אַ בראָשור פון פערציק זייטן. דער מחבר האָט זיך אונטערגעשריבן: „איינער פון פאָלק“, נישט מער און נישט ווייניקער... דאָס איז אַ ווערטלעכע איבערזעצונג פון פּסעוודאָנים פון באַקאַנטן העברעאישן שרייבער און געלערנטן אחד העם.

ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן מאַנוסקריפּט, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ס'איז פשוט נישט מעגלעך צו לייענען און פאַרשטיין וואָס דער מחבר וויל זאָגן. איך האָב געקענט (און באַדאַרפט) זאָגן צום באַלעבאָס: זייט מוחל, דאָס קען מען נישט זעצן, עס דאַרף איבערגעשריבן ווערן דורך אַ פאַכמאַן, כדי מען זאָל עס קענען זעצן.

איך האָב אָבער אַזוי נישט געטאָן, איך האָב מיך אַוועקגעזעצט זעצן און מיט גרויס אָנשטרענגונג און צייט־פאַרלוסט, פאַר וועלכער דער באַלעבאָס האָט מסתמא געקראָגן באַצאָלט, האָב איך די בראָשור אויסגעזעצט. ס'איז אַרויסגעקומען אַ מער אָדער ווייניק פאַרשטענדלעכער מאמר, וואָס איז דאָך נישט געווען פאַרשטענדלעך...

ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין דעם לעצטן זאַג מיינעם?

דער „איינער פון פאָלק“ איז געווען דער היגער תושב ישראל זאַקס. ער איז געווען אַ רוסישער ייד, וועלכער איז נאָכן אָפּדינען אַ שטיל צייט אין פּאַלעסטינע געקומען קיין מעלבורן, געהאַט דאָ אַ שוך־פאַבריק און געווען אַ הייסער ציוניסט. אין די מלחמה־יאָרן, אַרום 1944, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו העלפן די יידן אין אייראָפּע. מ'האָט גערופן פאַרזאַמלונגען צו וועלכער עס זענען געקומען גרויסע צאָלן יידן. די ידיעות וועגן דעם גרויסן בראַנד, וואָס האָט געטראָפן דעם אייראָפּעאישן יידנטום, האָט אין דעם מעלבורנער ישוב געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער רעליף־פאָנד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער הילפס־פאָנד. צו ערשט זענען די געזאַמלטע געלטער געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, צום „דזשאָינט“ אין אַמעריקע אָדער דירעקט קיין אייראָפּע.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַהער לעבן געבליבענע פון חורבן אין גאַנץ גרויסע צאָלן. די געלטער וועלכע זענען דאָ געזאַמלט געוואָרן זענען מער נישט געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, נאָר זענען פאַרנוצט געוואָרן צו העלפן די ניי־געקומענע זיך דאָ איינצואָרדענען.

די הילפס־אַרבעט האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג ביי דער גאַנצער היגער יידישער באַפעלקערונג. דאָך האָבן זיך געפונען אייניקע קנאים פון ציוניסטישן לאַגער, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף נישט העלפן קיין יידן קומען אַהער, נאָר זיי דאַרפן פאָרן דאַן קיין פּאַלעסטינע און שפּעטער מדינת־ישראל.

אָט דער „איינער פון פאָלק“ — ישראל זאַקס — איז געווען איינער פון די איפּערדיקסטע קעמפער פאַר אָט דעם געדאַנק. ער האָט שוין אַפּנים געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז אַליין געווען אַ תושב אין פּאַלעסטינע און פון דאָרט אַוועקגעפאָרן אין די סוף־צוואַנציקער יאָרן. ישראל זאַקס האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זיין קאַמף אינערהאַלב די ציוניסטישע רייען גופא, נאָר ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בראָשור מיט אַ שאַרפער קריטיק פון די מעלבורנער ציוניסטישע מנהיגים. די בראָשור האָט דעם לאַנגן נאָמען: „דער אויפקום פון מדינת ישראל און די ירידה פון היגע ציוניסטישע מנהיגים אָדער גרויסע געשעענישן און קליינע מענטשן“. אויף דער צווייטער זייט פון דער הילע איז אָנגעגעבן, אַז ער איז דער מחבר פון נאָך צוויי פיל־זאָגנדיקע בראָשורן: 1) „ציוניזם, טעריטאָריאַליזם מיט אַ טראָפּן בונדיזם“; 2) „די פאַרבאָרגענע סודות פון אַרום דעם הילפס־פאָנד“.

אין דער איצטיקער בראָשור טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן די דעמאָלטיקע ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן געהאָלפן גרינדן דעם רעליף־פאָנד, ווי אויך האָבן זיי אונטערגעשטיצט דאָס ברענגען אַהער די לעבן־געבליבענע פון חורבן, אויב זיי ווילן, פאַרשטייט זיך, קומער אַהער. ישראל זאַקס דערמאָנט נאָר דריי נעמען אין זיינע אָנפאַלן אויף דער ציוניסטישער פירערשאַפט: ד״ר אהרן פּאַטקין, ד״ר בענפי (בײדע שוין אויפן עולם־האמת) און שלמה ווין אים צו לאַנגע יאָרן.

כ'האָב שוין באַמערקט, אַז דער מאַנוסקריפּט איז געווען געשריבן אין אַן אַך־קוצך לשון, וואָס מען האָט געקענט קוים אַרויסקריכן פון אים. מיינע פריינד, וועמען איך האָב דערציילט די געשיכטע, האָבן צו מיר געהאַט טענות פאַר וואָס איך פאַרנעם זיך מיט „לייטיש מאַכן“ דעם מחברס לשון: לאָז עס איבער אַזוי, אַז מען זאָל טאַקע לחלוטין נישט פאַרשטיין וואָס ער שרייבט. איך האָב אָבער דערויף געענטפערט: איך קען נישט אַנדערש, איך קען נישט באַוואוסטזיניקערהייט, מיט אַ כיוון, צעקאַליעטשן דאָס יידישע לשון, — און איך האָב געטאָן מיין פליכט געטריי און לאָיאַל.

וויל איך זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ פּאָלעמיק מיט דעם אינהאַלט פון דער בראָשור. דער מחבר איז שוין פון

רפאל רייזנער, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען באַשעפטיקט ביי זיין אַרבעט אין „די ידישע פאָסט", האָט געפילט פאַר זיין פליכט אָנצושרייבן די געשיכטע פון זיינע לידן און פּיין ביי די דייטשן און דעם חורבן פון זיין היים־שטאָט ביאַליסטאָק. דעם מאַנוסקריפּט האָט דער „ביאַליסטאָקער צענטער", דעמאָלט אַ גאַנץ אַקטיווע און טעטיקע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכע עס האָבן מיטגעאַרבעט יהושע ראַפּאַפּאָרט און אברהם זבאַר, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם צו דער ידישער עפנטלעכקייט. אין דער יידישער וועלט איז נאָך דעמאָלט געווען זייער ווייניק געשריבן וועגן דער געשיכטע פון היטלער־חורבן, אַ חוץ אַ צאָל לידער פון זוסמאַן סעגאַלאָוויטש און מרדכי שטריגלער. און דאָס אַרויסגעבן אַזאַ בוך — פשוטע כראָניק און דעם פאַרלויף פון חורבן ביאַליסטאָק, אָנהויבנדיק פונעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז צו זיין טראַגישן סוף, איז געווען אַ וויכטיקער אויפטו פון דעם ביאַליסטאָקער צענטער.

יהושע ראַפּאַפּאָרט האָט זיך גענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם צום רעדאַגירן דאָס בוך און אויך אָנגעשריבן די זייער אינטערעסאַנטע און רירנדיקע הקדמה א״נ „אַ גבית־עדות פון גיהנום אַרויס", וואָס איז אַליין פאַר זיך אַ גלענצנדער עסיי געווידמעט דעם חורבן און רפאל רייזנערס פאַרדינסט פאַרן אָנשרייבן אָט די ערשטע חורבן־כראָניק.

זעצן אָט דאָס בוך איז פאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנט און איך האָב געטאָן מיין אַרבעט מיט גרויס איפער און איבערגעגעבנקייט. צווישן מיר און רייזנערן האָבן זיך איינגעשטעלט זייער פריינדלעכע באַציאונגען און ער האָט זיך גערן צוגעהערט צו מיינע באַמערקונגען און אָנווייזונגען בײַם ווייטערדיקן זעצן און קאָרעגירן דאָס בוך. מיר זענען דאָך געווען פאַך־קאָלעגן, געהערט צו איינעם און דעם זעלבן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין — איך אין וואַרשע און ער — אין ביאַליסטאָק. זיין באַציאונג צו מיר האָט ער אויסגעדריקט אין דער דעדיקאַציע וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דעם בוך, וואָס ער האָט מיר געשאָנקען: „מיין ליבן פאַך־חבר און פריינד הערשל באַכראַך אַ מתנה פאַר איבערגעגעבענער אַרבעט און ווערטפולע אָנווייזונגען בײַם זעצן דאָס בוך — אייער דאַנקבאַרער רפאל רייזנער. מעלבורן, 20 אויגוסט 1948".

בײַם זעצן דאָס בוך האָב איך פאַרשטאַנען איינצוהאַלטן מיין ראָל אַלס זעצער, געבנדיק אים טעכנישע אָנווייזונגען נישט אָנרירנדיק חס־וחלילה זיין ראָל אַלס מחבר ווי אויך נישט די אויטאָריטעטע רעדאַקציע פונעם רעדאַקטאָר און קאָרעקטאָר יהושע ראַפּאַפּאָרט.

בײַם אַרויסגעבן דאָס בוך האָט פיל מיטגעהאָלפן דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון ביאַליסטאָקער צענטער נחום גלאַגאָווסקי און רפאל רייזנער האָט זיך געפילט שטאַרק פאַרפליכטעט, און טייל מאָל אויך אָפּהענגיק פון אים. ווען דאָס בוך איז שוין געווען אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט, האָט מיך דאָך גענומען מאַטערן אַן ענין וואָס איך האָב לכתחילה נישט געוואָגט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם מחבר. סוף־כל־סוף בין איך געווען נישט מער ווי אַ זעצער און דערצו נאָך אַרבעט איך ביי „יענעם", אַ ניי־געקומענער אין אַ פרעמדער סביבה.

דער ענין איז באַשטאַנען אין דעם: רייזנער האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן זיין באַשרייבונג וועגן ביאַליסטאָק פונעם אויסברוך פון דער מלחמה דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 — די שטימונג אין שטאָט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, דער אָנהויב פון די טאָג־טעגלעכע באָמבאַרדירונגען פון דער לופטן (קיין דירעקטע קאַמפן אַרום ביאַליסטאָק זענען נישט פאָרגעקומען) ביז פרייטיק, דעם 15־טן סעפּטעמבער, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען. בלויז זיבן טעג זענען די דייטשן געווען אין ביאַליסטאָק און דעם 21־טן סעפּטעמבער האָבן זיי זיך גענומען צוריקציען און עס האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די סאָוויעטישע אַרמיי־אָפּטיילונגען. אַ באַקאַנטע זאַך — דער טרויעריק־באַרימטער סטאַלין־היטלער פּאַקט האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן.

די ידישע באַפעלקערונג האָט דאָס אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי אויפגענומען מיט צופרידנקייט. מען איז געווען צופרידן וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון די מערדערישע דייטשן.

אָבער לאַנג האָט די פרייד נישט געדויערט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון די פּאָליטישע טוער אין שטאָט, אין דער ערשטער ריי, די בונדישע טוער: שאול גאָלדמאַן, בנימין פּלאַמענבוים, כאַצקל אָנאָכאָוויטש, לייזער שאַפּיש, פייגין, רבקה אַנטמאַן, הערשל לעוו; די פּועלי־ציוניסטן שמשון בראַטמאַכער; ציוניסטן: הערשל שוועץ, כמעלניק, דער העבראַישער לערער זאַבלודאָווסקי און פיל אַנדערע. אויך טוער פון אַנדערע ידישע און נישט־ידישע פּאַרטייען האָט געטראָפן דעם זעלבן גורל.

אָט די דערמאָנטע פאַקטן האָט רפאל רייזנער אין זיינע מעמואַרן נישט דערמאָנט. ווען איך האָב אים שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן מיט אים נענטער באַפריינדעט, אויפמערקזאַם געמאַכט פאַר וואָס ער האָט נישט דערמאָנט אָט די וויכטיקע פאַקטן, האָט ער מיר שטיל און אויפריכטיק געענטפערט:

— איך האָב עס געמוזט אַרויסוואַרפן, ווייל גלאַגאָווסקי האָט דאָס פאַרלאַנגט פון מיר. איר ווייסט דאָך, האָט ער צוגעגעבן, ווי שטאַרק ער האָט מיר געהאָלפן בײַם אַרויסגעבן דאָס בוך, טאָ וואָס האָב איך געקענט טאָן?

ווען איך בלעטער איצט דאָס בוך פון רייזנערן, זע איך ווי „אידיליש" ער באַשרייבט די ברוטאַלע דעפּאָרטאַציעס פון די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע. און נישט נאָר זיי, נאָר אויך דאָס דעפּאָרטירן אויף אַ ברוטאַלן אופן די רייכערע טיילן פון דער באַפעלקערונג און די פּליטים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אַרויסנעמען קיין סאָוויעטישע פּעסע.

די געשעענישן ווערן אינעם בוך פאַרגעשטעלט אויף אַן אופן וואָס באַרעכטיקט די האַנדלונגען פון די סאָוויעטן צוליב „מיליטערישער זיכערקייט", וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ליגן פון אָנהויב ביזן סוף.

איך ווייס: די האַנדלונגען ווערן היינט אויסגעטייטשט,

הערשל באַכראַך

# זכרונות פון אַ יידישן זעצער

אין אָנהייב פון יאָר 1947 בין איך מיט מיין פרוי און טאָכטער אָנגעקומען קיין מעלבורן און נאָכן קריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ (עס האָט אונדז אַריינגענומען אין זיין דירה דער מעלבורנער תושב הערי גאָלדשטיין, אַ פאַבריקאַנט פון סוועטערס, און אַן אָפּשטאַמיקער פון פּראַגע־וואַרשע), האָב איך געקראָגן אַ שטעלע אין מיין פאַך, אין דער דרוקעריי פון אַלען מאָלער, אַלס יידישער לינאָטיפּ־זעצער.

ס'זענען געווען אַריבער העכער 7 יאָר ווי כ'האָב געהאַט איבערגעריסן מיין באַליבטע אַרבעט אַלס לינאָטיפּיסט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג". דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, אַרום 12 ביינאַכט, האָב איך פאַרענדיקט מיין אַרבעט ביים אַרויסלאָזן די צייטונג. נאָכן קומען אַהיים האָב איך אַ גאַנצע נאַכט זיך צוגעהערט צו די ראַדיאָ־רופן פון פּולקאָווניק אומיאַסטאָווסקי, אַז אַלע געזונטע מענער, וועלכע קענען טראָגן געווער דאַרפן פאַרלאָזן וואַרשע אויפן וועג צו מזרח.

זעקס פאַרטאָג בין איך אַרויס פון שטוב, זיך געזעגנט — נישט אָנענדיק אויף ווי לאַנג — מיט מיין פרוי אַנקע און 7־יאָריקע טעכטערל דינה. איך האָב נאָך אָפּגעטראָטן אין דער „פאָלקסצייטונג" אויף נאָוואָליפּיע 7, וואו איך האָב פאַרבראַכט די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע יאָרן פון מיין לעבן.

אַריבערהיפּנדיק די מלחמה־יאָרן און די פאַרשידענע איבערלעבונגען האָב איך זיך ווידער געפונען זיצן ביי אַ לינאָטיפּ אין דער ווייטער אויסטראַליע, דערצו נאָך מיט אַן ענגלישער קלאַוויאַטור אויף וועלכער איך דאַרף זעצן — יידיש.

דעם אמת זאָגנדיק האָב איך זיך אָוועקגעזעצט צו דער אַרבעט מיט אַ שטיקל ציטער. אַזוי פיל יאָרן — און נאָך וועלכע יאָרן — נישט געאַרבעט ביים פאַך און איצט דאַרף איך אָנהייבן אַרבעטן אונטער די אויגן פון אַ באַלעבאָס, וועלכער שטייט פון דער ווייטנס און קוקט ווי אַזוי איך אַרבעט (איך האָב פריער געהאַט דאָס מזל קיין מאָל נישט צו האָבן קיין דירעקטן באַלעבאָס איבער זיך).

מיין ערשטע אַרבעט איז געווען ביי דעם חודש־זשורנאַל „אויפבוי", וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם שולמאַן און הערץ בערגנער. שפּעטער איז צוגעקומען בער י. ראָזען. ס'האָט אויך מיטגעאַרבעט אין אים יהושע ראַפּאַפּאָרט, וועלכע איז אָנגעקומען פון שאַנכיי סוף יאָר 1946. די געשיכטע פון דעם זשורנאַל איז אַ באַזונדערער ענין, וועלכער איז ווערט מען זאָל אים אַ מאָל באַשרייבן. זיין הויפּט־אונטערשטיצער איז געווען דער גרינדער און פּרעזידענט פון רעליף־פאָנד לעאָ פינק ע"ה. די איניציאַטיוו אים אַרויסצוגעבן האָט געהאַט אַ שייכות מיטן שטרייט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דער יידישער געזעלשאַפט קעגן דער גרינדונג פון רעליף־פאָנד, און די קאַמפּאַניע וואָס „די יידישע נייעס" האָט דאָן געפירט קעגן זיין טעטיקייט.

## דאָס בוך פון רפאל רייזנער

דער זשורנאַל „אויפבוי" האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. מיין באַלעבאָס אַלען מאָלער האָט מיר דאָן געגעבן צו זעצן אַ בוך מיטן נאָמען „דער חורבן פון ביאַליסטאָקער יידנטום", געשריבן דורך אַ לעבן־געבליבענעם תושב פון ביאַליסטאָק, וועלכער איז איינער פון די ערשטע אָנגעקומענע קיין מעלבורן. זיין נאָמען איז געווען רפאל רייזנער ע"ה, אַ מאַשין־זעצער פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער דאָרטיקער טאָג־צייטונג „אונזער לעבן" אונטער דער רעדאַקציע פון דעם באַקאַנטן אינטעלעקטואַל פסח קאַפּלאַן ע"ה.

ווי אַ סך אַנדערע מענטשן פון זעצער־פאַך, איז רפאל רייזנער געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, געקענט האַלטן די פעדער אין האַנט. ווי נאָר ער איז אַריבערגעקומען קיין מעלבורן, אָנהייב 1947, האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין „די יידישע פּאָסט", אונטער דער רעדאַקציע פון ש. מאַראַנץ, שפּעטער — לאָווע פרידמאַן, גדליה שאַיאַק און יהושע ראַפּאַפּאָרט.

אָבער די זאַכן זענען נישט גענוג. מע דאַרף אויך טראַכטן ווי אַ פֿרומער ייִד, און גלייבן ווי אַ פֿרומער ייִד. איר גלייבט אין גאָט?"

„יע, פֿאַר וואָס נישט?" האָט אים עלען מיט אַ שמייכל געענטפֿערט.

„ניין, אַ פֿרומער ייִד לאַכט נישט פֿון דעם. איך מיין, אַז איר פֿאַרשטייט דאָס נישט". דער בחור האָט געגעבן אַ זיפֿץ און איז אַרויס פֿון אויטאָ. „גוד־בײַ, מיסעס פֿײַנמאַן, דער אמת איז, אַז איר — איר באַלאַנגט נישט דאָ..."

גוד־בײַ, שמואל־יוסף", האָט זי אים געענטפֿערט מיט פֿאַדראַס. „אַ, מיסעס פֿײַנמאַן", האָט זי דערהערט ווי ער רופֿט צוריק. „אַ גרויסן דאַנק אײַך פֿאַרן רעקל!"

עלען האָט געגעבן אַ דריי דעם שליסל און געוואַרט, דער מאָטאָר זאָל זיך אָנהייצן. ביסלעכווײַז איז איר דער כּעס אַריבער, און זי האָט זיך גענומען אויסשפּאַנען. מילא, האָט זי סוף־כּל־סוף אַ זאָג געטון צו זיך אַליין. האָט זי דאָס מאָל נישט באַוויזן צו פֿאַרפֿירן אַ מאַן. סע טרעפֿט זיך. זי האָט זיך שטיל צעלאַכט. פֿרומקייט, שמומקייט, ס'איז אַלץ נאַרישקייטן. ווי קען זיך אַ ישיבֿה־בחור דען פֿאַרגלײַכן צו איר מײַקן? אַ קלייניקייט! יאָ, יאָ, זי וועט גלײַך אַהיימפֿאָרן.

און מאָרגן גאַנץ פֿרי וועט זי שוין אָנקלינגען די מאָנראָ־אַקאַדעמיע.

דאָס האַרץ האָט בײַ איר גענומען גיכער קלאַפּן. ווי גרינג עס איז — אַ סך גרינגער ווי זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט.

„כ׳ל דיר זאָגן, שמואל־יוסף, סע געפֿעלט מיר זייער ר׳ היללס פּירוש, וואָס האָסט ערשט געלייענט. כ׳וויל הערן ווײַטער. אפֿשר קענסטו מיט מיר בלײַבן די איבעריקע שעה, וועלן מיר ווײַטער לערנען אין איינעם. גוט?"

„אָקיי", האָט ער אַ צופֿרידענער געקוועטשט מיט די אַקסלען. „כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס אינטערעסירט אײַך אַזוי שטאַרק. ווײַזט אויס, איך בין אַ בעסערער לערער ווי כ׳האָב געמיינט".

„אַ, ביסט אויסערגעוויינטלעך. דער גאַנצער ענין ייִדישקייט איז מיר זייער נאָענט צום האַרצן, און דו קענסט גוט לערנען — פּשוט אַ מחיה צו הערן. נאָר דו ווייסט וואָס ס׳איז מיר ערשט אײַנגעפֿאַלן? טאָמער ווילסטו נישט דער גימנאַסטיק־לערער זאָל דיך דאָ געפֿינען, איז אפֿשר גוט מיר זאָלן געפֿינען אַן אַנדער אָרט צו פֿאַרקירן דעם אויטאָ אַנשטאָט דאָ גלײַך פֿאַרן בנין?"

„גוט, זאָל זײַן אַזוי".

עלען האָט אַ דריי געטאָן דעם שליסל און באַלד גענומען פֿאָרן אַרום געגנט. זי האָט אין גיכן געפֿונען אַ זײַטיק געסל און דאָרטן פֿאַרקירט.

„גוט", האָט דער בחור שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן. „וואָס, אַ שטייגער, ווילט איר איצטער לערנען? ווײַטער פּרקי אָבֿות אָדער אפֿשר משניות?"

כ׳געדענק נישט ווי סע הייסט, האָט זי געענטפֿערט, „דו ווייסט, די געזעצן, ווען מע מעג שלאָפֿן מיטן מאַן, ווען מע טאָר נישט..."

„נידה מיינסטו? איך ווייס נישט", האָט דער בחור זיך געקווענקלט, קראַצנדיק דעם קאָפּ. „עפּעס פּאַסט נישט, איך זאָל לערנען מיט אײַך אַזעלכע זאַכן".

„וואָס הייסט, סע פּאַסט נישט? האָט עלען געטענהט. „דער רבֿ דײַנער מיינסטו רעדט נישט פֿון אַזוינע זאַכן?"

„אָ־קיי, אָ־קיי", האָט ער מיט אַ זיפֿץ נאָכגעגעבן. „אָבער מיר׳ן עס מוזן טון אויף אויסנווייניק, ווײַל כ׳האָב נישט יענע משנה מיט זיך".

„מאַכט נישט אויס", האָט עלען מיט אַ שמייכל געזאָגט. „אַנו, זאָג שוין, כ׳וויל הערן, ווען מעג מען און ווען טאָר מען נישט?"

„לויט הלכות נידה", האָט דער בחור פֿאַמעלעך אָנגעהויבן, „טאָר אַ מאַן נישט שלאָפֿן מיט דער פֿרוי בשעת זי — בשעת זי זעט בלוט, און אויך זיבן טעג נאָך דעם וואָס זי ענדיקט זען בלוט. און דעמאָלט מוז זי צו ערשט גיין אין דער מקווה".

„אַהאַ", האָט עלען געזאָגט מיט אַ שמייכל. „הייסט עס, אַז הײַנטיקע צײַטן אויב מע וויל פֿירן אַ פֿרום לעבן איידער מע האָט חתונה, דאַרף מען זיך היטן מיט וועמען מע שלאָפֿט!"

דער בחור האָט זיך אַ ביסל פֿאַררייטלט. „דער אמת איז, אַז פֿאַר דער חתונה טאָר מען נישט שלאָפֿן מיט קיינעם".

„דער אמת איז", האָט עלען צוריק געטענהט, „אַז הײַנטיקע צײַטן איז דאָס אַ דין, וואָס מע בייגט גאַנץ אָפֿט".

„יאָ, בײַ געוויסע ייִדן", האָט שמואל־יוסף פֿאַמעלעך געענטפֿערט. „אָבער נישט בײַ פֿרומע לײַט, פֿאַרשטייט זיך".

„יאָ, אַזוי רעדט זיך. איך האָב שוין געהערט פֿון גענוג פֿאַלן, וווּ פֿרומע ייִדן האָבן דווקא יאָ געטאָן אַזוינע זאַכן".

„י־יאָ, סע טרעפֿט. אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש".

„אוודאי, דאָס מיין איך!"

„נו, און וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?" האָט דער בחור אַ ביסל אומגעדולדיק אַ פֿרעג געטאָן.

„כ׳וויל מיט דעם זאָגן, אַז מיר זענען דאָך אַלע נישט מער ווי מענטשן. למשל, אַז דו וואָלטסט אַ מאָל געהאַט די מעגלעכקייט צו „זינדיקן" און ביידע — סײַ דו סײַ זי — האָבן גרויס חשק — זאָג מיר דעם אמת — וואָלטסטו נישט כאָטש אַ טראַכט געטאָן?"

„איך דאַרף זיך נישט זאָרגן וועגן אַזוינע זאַכן", האָט דער בחור נערוועז זיך צעלאַכט. „אַזוינע זאַכן טרעפֿן זיך נישט בײַ מיר".

„אַ מענטש קען קיין מאָל נישט וויסן וואָס סע וועט זיך בײַ אים טרעפֿן", האָט זי אים שטיל געענטפֿערט.

דער בחור איז שטיל געוואָרן. „מיסעס פֿײַנמאַן", האָט ער סוף־כּל־סוף אַ זאָג געטאָן און גענומען עפֿענען די טיר פֿון אויטאָ. „כ׳מיין ס׳איז שוין צײַט, כ׳זאָל גיין".

„וואָס? וווּ גייסטו?"

„כ׳וועל אײַך זאָגן דעם אמת", האָט ער איר געענטפֿערט. „סע געפֿעלט מיר נישט וואָס מיר רעדן דאָ, און אַחוץ דעם מיין איך, אַז דער גימנאַסטיק־לערער וועט זיך נאָכפֿרעגן וווּ איך בין". דער בחור האָט צוגעמאַכט די ספֿרים, נאָר ער איז געבליבן זיצן.

„איר ווייסט, מיסעס פֿײַנמאַן", האָט ער שטיל געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, „די גאַנצע צײַט זיץ איך דאָ און לערן מיט אײַך פּרקי אָבֿות, די קלוגע רייד פֿון די גרויסע רבנים, די וואָס ווילן אונדז ווײַזן אַ וועג. און איר זאָגט מיר די גאַנצע צײַט, איר ווילט זיך לערנען דעם ריכטיקן וועג, אַז ייִדישקייט איז אײַך נאָענט צום האַרצן. איצט זע איך שוין, אַז איר מאַכט פֿון דעם גאָר חוזק".

„איך מאַך נישט קיין חוזק! כ׳וויל זיך טאַקע לערנען", האָט עלען זיך בײַ אים געבעטן. „כ׳וואָלט געוואָלט זײַן פֿרום!"

„י־יאָ, אָבער עפּעס קלעפּט זיך דאָ נישט", האָט דער בחור זיך געקווענקלט. „איך מיין, איר האַלט טאַקע שבת און כּשרות, און איך וויל דאָס חלילה נישט אַראָפּרײַסן.

„מאַכט נישט אויס. אַבי איר ווילט זיך ווײַטער לערנען — אַ דאָס איז דער עיקר״.

שמואל־יוסף האָט אַ שמייכל געטאָן. „אַזוי זאָגט דער רבֿ כּסדר. כ׳האָב שוין אָן קלינגען ווי ער! נו, ווו האַלטן מיר? יאָ, אָט־דאָ. וואָס זשע מיינט רבן גמליאל מיט די דרײַ זאַכן? אמת איז אמת; משפּט הייסט דין, גערעכטיקייט און געזעץ; און שלום איז שלום...״ שמואל־יוסף האָט ווײַטער גערעדט, איבערגעגעבן אַנדערע מאמרים פֿון חז״ל, און אויסגעטײַטשט. עלען האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד און געפּרוּווט געדענקען אַלץ וואָס ער זאָגט, אַלע מאמרים און אויסטײַטשן. זי הערט אַ גאָלדענעם זאָג, זי שמייכלט פֿון דער חכמה, און פֿאַרגעסט באַלד דעם עיקר, נאָר דער שמייכל פֿאַרבלײַבט.

„און אַז מע לייענט די רייד פֿון שמעון הצדיק״, ברומט ער ווײַטער, „זעט מען ערשט דרײַ אַנדערע זאַכן האַלטן אויף די וועלט...״ עלען הערט זיך צו צום אַשכּנזישן טעם פֿון זײַנע ווערטער — די זעלבע קלאַנגען וואָס זײַנע זיידעס און אירע זיידעס האָבן מיט דעם געלערנט און געדאַוונט; און זי האָט אַזאַ הנאה פֿונעם ייִד וואָס ער איז, דער שמואל־יוסף: אַ ייִד בלויז אַ ביסל פֿאַרדעקט מיטן גויִישן אָרום. טראָגן טראָגט ער טאַקע אַן אַמעריקאַנער רעקל און מאָדערנע גומעשיך, נאָר אין תּוך איז ער פּונקט אַזאַ ייִד ווי דער עלטער־זיידע אירער איז געווען.

פֿון דער אַנדערער זײַט, טראַכט זיך עלען ווײַטער, איז דער שמואל־יוסף אָבער פֿאָרט נישט דער עלטער־זיידע. ער איז, נאָך אַלעמען, אַ הײַנטצײַטיקער אַמעריקאַנער. מסתּמא קוקט ער אין אָוונט אויף טעלעוויזיע, לייענט די לעצטע זשורנאַלן, פֿאָרט אויף די שטאָטישע באַנען. און ווו מע קוקט זיך אום, און ווו מע דרייט זיך נאָר, באַווײַזן זיך בילדער פֿון האַלב נאַקעטע נקבֿות אויף רעקלאַמעס מיט פּראָדוקטן צום פֿאַרקויפֿן. אומעטום זעט מען פֿאַרלעך וואָס קושן זיך און גלעטן זיך אַלע זאַלן זען. דאָס האָט דער עלטער־זיידע נישט געהאַט. ווי גיט זיך דער שמואל־יוסף אַן עצה אין אַזאַ וועלט? נו, דאָס איז דאָך דער גאַנצער חן, טראַכט זיך עלען מיט אַ שמייכל. ער לעבט טאַקע אין דער זעלבער וועלט וואָס זי — אַ וועלט ווו סעקסועלע הנאות זענען כּסדר גלײַך בײַ דער האַנט — נאָר ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק און שטרעקט אויס די האַנט צו אַן אַנדער וועלט. און די גלאַטע רויטע בעקלעך זײַנע גלאַנצן מיט דער יונגקייט, מיט דער פֿרישקייט פֿון זײַן נשמה. אַ בחור ווי איר אַבֿי, למשל, אַז אַ פֿרוי בעט אים זיך אָוועקצוזעצן מיט איר אין אויטאָ און לערנען תּורה, וואָלטן די געדאַנקען זײַנע שוין זיכער נישט געווען בײַם תּורה לערנען. נאָר דער שמואל־יוסף, קוק אים נאָר אָן, ווי ער לערנט זי מיט אַזאַ ברען און אהבֿת־הבורא!

עלען האָט שטילערהייט געגעבן אַ זיפֿץ. הלוואַי וואָלט זי אויך געקענט ווערן אַ טייל פֿון דער וועלט, שמואל־יוספֿס! ווי שיין דאָס וואָלט געווען צו קענען לעבן פֿון טאָג צו טאָג מיט דער מנוחה פֿון אַ פֿרום לעבן: וואָסער גרויסע הנאה זי וואָלט געהאַט, ווען זי וואָלט זיך אויך געקענט אַזוי אָנצינדן מיט התלהבֿות פֿאַר דער הייליקייט פֿון גאָטס וועלט! עפּעס דאַכט זיך איר, ווי זי שטייט דאָ אין איר וועלט און ער דאָרט אין זײַנער. און צווישן זיי — אַ מויער מיט אַ פֿענצטערל. יאָרן לאַנג שטייט זי שוין בײַם פֿענצטער און קוקט אַרויס. נאָר מיט אַ מאָל ווילט זיך איר אויפֿעפֿענען דאָס פֿענצטער און אַרויסקריכן. איבערלאָזן — אַפֿילו אויב בלויז אויף אַ רגע — דעם מאַן אירן, דאָס קינד, דאָס גאַנצע לעבן וואָס זי האָט פֿאַר זיך אײַנגעשטעלט. זי זעט זיך, ווי זי שפּרינגט אַרויס פֿונעם פֿענצטער, אַרײַן אין זײַן וועלט; ווי זי לויפֿט צו צון אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט; ווי זי כאַפּט אים אַרום און קושט אים מיט אַ דאָרשטיקער בענקעניש...

„מיסעס פֿײַנמאַן, ס׳איז מיר געבליבן נאָך פֿופֿצן מינוט״, האָט איר שמואל־יוסף מיט אַ מאָל איבערגעהאַקט די חלומות. „אויב איר ווילט, קענען מיר לייענען נאָך איין פּרק. גוט?״

„יאָ, יאָ, לייען ווײַטער, ס׳געפֿעלט מיר זייער ווי דו דרשנסט״. עלען הערט שוין אָבער מער נישט וואָס ער זאָגט. זי קוקט זיך צו צון אים ווי ער רעדט, און סע גלוסט זיך איר אַזוי אים אָנרירן, אים אַרומנעמען. עלען צעשמייכלט זיך פּלוצעם. פֿאַרפֿירן? דאָס וואָלט אים זיכער אָפּגעשראָקן; נאָר אפֿשר זייער, זייער פּאַוואָליע. דאָס פֿאַרפֿירן אַ מאַן דאַרף מען דאָך קענען, און דאָס קען זי, זייער גוט: צורוקן זיך עטוואָס נעענטער כּדי זייערע קני זאָלן זיך אָנרירן; דאָס קוקן אים אין פּנים אַרײַן ווען ער רעדט, קוקן ווי די ליפּן זײַנע באַוועגן זיך; דאָס שושקען זיך; דאָס אָנטאַפּן דעם אָרעם זײַנעם בשעת זי פֿרעגט אַ קשיא — די אַלע שפּיצלעך, וואָס זי האָט זיך איבער די יאָרן אויסגעלערנט כּדי זיך אויסצולעבן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן אין דער הײַנטיקער וועלט. דער שפּיץ, פֿאַרשטייט זיך, איז דעם בחור צו פֿאַרפֿירן אַזוי פּאַוואָליע, אַז ער זאָל אַליין נישט פֿאַרשטיין, וואָס סע ווערט אים פּלוצעם אַזוי הייס און וואָס סע גלוסט זיך אים מיט אַ מאָל בלײַבן מיט איר איבער דער צײַט. און אַז סע קומט טאַקע צו דעם, גייט עס שוין ווי געשמירט. זי דאַרף אים פּשוט שושקען אין אויער אַרײַן, אַז מע טאָר נישט, מע טאָר נישט; און דעמאָלט וועט ער שוין ענטפֿערן, אַז אפֿשר איז נישט אַזוי געפֿערלעך...

„שמואל־יוסף, ווייסטו וואָס?״ האָט איר עלען אַ פֿרעג געטאָן. „וואָס פֿאַר אַ קלאַס האָסטו באַלד, וואָס דו יאָגסט זיך אַזוי?״

„גימנאַסטיק״.

„דאָס גאָר? פֿון גימנאַסטיק ווערט מען נישט קלוג. אפֿשר קענסטו איין מאָל פֿאַרפֿעלן אַ קלאַס?״

„אַז ס׳איז דאָ אַ גוטער תּירוץ״, לאַכט ער, „בין איך שטענדיק גרייט צו פֿאַרפֿעלן דעם קלאַס!״

„נו, וואָס איז פֿאָרט די מעשׂה מיטן רעקל? אין אַזאַ וועטער גייט מען אַרום אַזוי?"

דער בחור האָט זיך שעמעוודיק צעלאַכט. „אָך, ס'האַלטן זיך בײַ מיר אין איין אָפּרײַסן די קנעפּלעך, און ס'איז נישטאָ ווער סע זאָל זיי צונייען!"

„אין אינטערנאַט איז נישטאָ עפּעס אַן אויפֿפּאַסערין, וואָס זי זאָל דיר קענען העלפֿן?"

„נישט ווי ווײַט איך ווייס".

„ווייסטו וואָס? דו האָסט הײַנט עפּעס פֿרײַע צײַט פֿון דער שול?"

„יאָ", האָט ער פּאַמעלעך געענטפֿערט. „כ'עס מיטאָג פֿון עלף ביז צוועלף".

„און די קנעפּלעך האָסטו בײַ דיר?"

„אין דער קעשענע."

„זייער גוט. גיב מיר דאָס רעקל, און ביז דו קומסט אַרויס אויף מיטאָג, וועל איך עס שוין האָבן אין גאַנצן צוגעניייט".

„אָ, מיסעס פֿײַנמאַן, איר דאַרפֿט עס נישט טון. כ'דאַרף שוין סײַ ווי קויפֿן אַ נײַ רעקל".

„וואָס — אַ נײַ רעקל קויפֿן צוליב צוויי קנעפּלעך? וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? כ'האָב דאָ אין הענטשקע־לעדל נייגעצײַג פּונקט פֿאַר אַזעלכע נויטפֿאַלן. כ'וועל דיר די קנעפּלעך צונייען, וועט עס זײַן אַזוי ווי ערשט געקויפֿט".

שמואל־יוסף האָט גענומען אויסטאָן דאָס רעקל. „אָבער וואָס וועט איר טון ביז עלף אַ זייגער? ס'נעמט דאָך נאָר צען מינוט צוצונייען צוויי קנעפּלעך, ניין?"

„כ'דאַרף נאָך גיין אײַנקויפֿן, כ'האָב שוין וואָס צו טון — אַנו, גיב אַהער".

דער בחור האָט אויסגעטון דאָס רעקל און איז, ציטערנדיק, פֿאַר קעלט, צוגעלאָפֿן מיט דעם צום אויטאָ.

„ווייסט וואָס, שמואל־יוסף? ס'איז מיר ערשט עפּעס אײַנגעפֿאַלן. אפֿשר קענסטו מיר אויך טון אַ טובֿה".

„למשל?"

עלען האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף די ספֿרים. „אפֿשר ווען דו וועסט קומען אָפּנעמען דאָס רעקל, וועסטו זיך קענען אוועקזעצן לערנען מיט מיר אַ ביסל תּורה?"

„תּורה לערנען? דאָס דאַרף מען דאָך קענען. אַזאַ גרויסער תּלמיד־חכם בין איך נישט".

„יאָ, אָבער וויפֿל דו קענסט, איז פֿאָרט מער וויפֿל איך קען. כ'וויל זיך אַזוי לערנען, נאָר — ס'איז נישטאָ מיט וועמען!"

„גוט", האָט דער בחור געשמייכלט. „וועל איך שוין קענען אַרײַנכאַפּן אַ ביסל רוחניות מיטאָגצײַט אויכעט... בררררר, ס'איז קאַלט".

„גוט — גיי שוין, גיי! מיר'ן זיך זען שפּעטער!" האָט עלען זיך געזעגנט, און נאָכגעקוקט ווי ער לויפֿט אַרויף די טרעפּ אין שול אַרײַן.

עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט דאָס צונייען. עלען האָט אַ קוק געגעבן אויפֿן זייגערל... אַכט דרײַסיק. וואָס טוט מען איצט? זי האָט גענומען פּאַמעלעך אַרומפֿאָרן אין דער געגנט, זיך אָפּגעשטעלט אין פֿרוכטמאַרק, אין אַפּטייק... אַ פֿערטל פֿאַר צען. ווײַטער אַרומגעפֿאָרן, באַקוקט די עלעגאַנטע הײַזער אויף די זײַטיקע געסלעך, זיך נאָכגעקוקט ווי מאַמעס פֿירן פּיצלעך קינדער אײַנקויפֿן און אין פּאַרק... צען מינוט פֿאַר עלף — מע קען זיך שוין אומקערן, אפֿשר וואַרט ער שוין דאָרט.

„הײַ, מיסעס פֿײַנמאַן!" האָט שמואל־יוסף זי באַגריסט, אַראָפּלויפֿנדיק די טרעפּ. עלען האָט מיט אַ שמייכל געעפֿנט די אויטאָטיר און אים דערלאַנגט דאָס רעקל.

„טו עס שוין אָן איידער דו פֿאַרקילסט זיך", האָט זי אים גוטמוטיק באַפֿוילן. שמואל־יוסף האָט עס תּיכּף אָנגעטון און צוגעשפּיליעט.

„אַ גרויסן דאַנק, מיסעס פֿײַנמאַן. כ'וואָלט עס אַליין מסתּמא קיין מאָל נישט באַוויזן". דער בחור איז שטיל געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, קלאָר אַז ס'איז אים אַ ביסל פּריקרע. עלען האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ער וואַרט זי זאָל געבן אָנצוהערן וועגן דעם שיעור. מסתּמא פֿרעגט ער זיך, ווו זאָל מען לערנען? אין שול ווו אַלע תּלמידים (און אויך אָבֿי) קענען זען? אָדער דאָ אין אויטאָ, ווו קיינער וועט נישט זען? זאָל ער נעמען דעם איניציאַטיוו און אַליין עפֿענען די טיר, אָדער זאָל ער אויס דרך־ארץ וואַרטן ביז זי וועט זיך אַליין מעלדן? עלען האָט געשמייכלט צו זיך איבער דער באַשיידנקייט פֿונעם בחור, אַ ווײַטער שפּרונג פֿון דער מענערישער אַגרעסיווקייט וואָס זי זעט אין מײַקן און אפֿילו שוין אין אָבֿין.

„נו, ר' יוסף", האָט עלען סוף־כּל־סוף אַ זאָג געטון. „ווו זאָלן מיר האַלטן דעם שיעור? דאָ אין אויטאָ איז דיר באַקוועם?"

„אויב איר ווילט", האָט ער שטיל געענטפֿערט. „איך גיי עסן מיטאָג. ס'אַרט אײַך נישט אַז איך עס אין אויטאָ?"

„אוודאי נישט", האָט עלען אים פֿאַרזיכערט. „קום, זעץ זיך און לאָמיר אָנהייבן".

שמואל־יוסף האָט זיך אַנידערגעזעצט און אויפֿגעעפֿנט אַ ספֿר. „מיר'ן לערנען אַ ביסל פּירקי־אָבֿות, גוט?"

עלען האָט צוגעבאַמקעט און געוואַרט.

„רבן גמליאל", האָט דער בחור גענומען לייענען מיט אַ ישיבֿה־ניגון, „רבן גמליאל זאָגט אונדז אַז די וועלט האַלט זיך אויף דרײַ זאַכן — אויף אמת, אויף משפּט און אויף שלום, וואָרן עס שטייט אין נבֿיא: „אמת ומשפּט שלום שפּטו בשעריכם..."

„דאָס מיינט...?"

„אַאַאַ... דאָס מיינט: „אמת און אַ משפּט פֿון שלום זאָלט איר משפּטן אין אײַערע טויערן".

„זײַ מיר מוחל. כ'האָב דיר געזאָגט, כ'קען זייער ווייניק".

שׂרה־רחל שעכטער/ניו־יאָרק

# דורך פֿאַרהאַקטע פֿענצטער

„מא, מאך גיכער! ס'ווערט שוין שפעט!"

„ווארט א מינוט, אבי, כ'זוך די שליסל צום אויטא!" האט עלען אויסגערופן דורכן קיכפענצטער. זי האט אויפגעפעפנט א שופלאד לעבן פרידזשידער און גענומען זיי זוכן. א פאר ארעמס האבן פון הינטן ארום זי ארומגעוויקלט אין דער טאליע און זי האט א לאכנדיקע זיך געפרווט ארויסדרייען.

„מײַק, לאז אפ!" האט זי געשושקעט. „כ'דארף איצט נעמען דאס קינד אין שול ארײַן!"

„מממם... ער קען נאך ווארטן", האט מײַק געמורמלט און זי גענומען קושן אין האלדז, „און איך קען נישט...."

עלען האט ווײַטער געזוכט. סוף־כל־סוף דערזען די שליסל, האט זי זיי א כאפ געטון, זיך ארויסגעדרייט פונעם מאנס הענט, און גענומען ארויסלויפן.

„מײַק", האט זי בײַ דער טיר זיך אומגעדרייט צון אים מיט א שמייכל. „אבי קומט היינט שפעט אהיים פון דער שול — עפעס א פראיעקט וואס ער דארף פארענדיקן. וועלן מיר האבן גענוג צײַט פאר זיך!" זי האט אים געגעבן א ווונק און איז א פריילעכע ארויס אין דרויסן.

שאפירנדיק דעם אויטא האט זיך עלען, ווי שטענדיק, מחיה געווען מיט דער פרישער לופט וואס שנײַדט זיך ארײַן דורכן פענצטער. די אויגן אויפן שטראז, די לאנגע פינגער ארומגעקלאמערט ארום קערעווער, איז זי געזעסן גלײַך, ווי א שטאלצער גענעראל וואס פירט די קאמאנדע אויפן פראנט. אבי איז געזעסן א שטילער לעבן איר און געבלעטערט א לערנבוך.

„וואס לייענסטו דארט?" האט עלען נײַגעריק א פרעג געטון.

„אנהייבער פיזיק".

„ווידער פיזיק? עפעס פארשטיי איך דא נישט", שאקלט עלען מיטן קאפ. „פון די ייִדישע לימודים האסטו קיין מאל נישט קיין ארבעט? יעדן טאג מאכסטו די פיזיק־היימארבעט, מאטעמאטיק, ליטעראטור... אבער תנ"ך? גמרא? אלע ספרים זע איך ליגן טאג און נאכט בײַ דיר אין רוקזאק".

„איך טו אלע היימארבעטן", האט אבי אומגעדולדיק אפגעענטפערט.

„אפשר טוסטו זיי טאקע. אבער קיין גרויסן אינטערעס צו זיי ווײַזסטו נישט ארויס. וואס טויג עס דען מיר זאלן דיך שיקן אין א ישיבֿה, אז דו ווילסט זיך נישט לערנען קיין ייִדישקייט?"

„איז שיקט מיך נישט".

„א, הייבסט שוין ווידער אן? מיר האבן דיר געזאגט נאך יענע וואך. די־א ישיבֿה איז פארערכנט פאר איינער פון די בעסטע אין לאנד. מעגסט זײַן שטאלץ וואס מע האט דיך דארטן אנגענומען".

„אבער מא, פאר וואס א ישיבֿה? סע זענען דא אנדערע גוטע פריוואטע שולן, ווו איר קענט מיך שיקן. בילי גאלדסטין גייט אין דאלטאן הײַ־סקול, סוזי בראון גייט אין דער מאנרא־אקאדעמיע. סוזי זאגט אז זעכציק פראצענט פון די מאנרא־גראדואנטן נעמט מען אן די ,אײַווי־ליג' קאלעדזשן!"

„יא? און וויפל פראצענט פון די מאנרא־גראדואנטן האבן געמישטע חתונות? דאס ווייסטו אויך?"

„א, קאם אן", האט אבי ווײַטער געטענהט. „וואס איז דאס מיט דיר און דעם טאטן לעצטנס? זינט איימי האט חתונה געהאט מיט א שווארצן, פירט איר זיך אויף ווי — ווי ,ווידער געבוירענע' ייִדן! מיט א מאל הייבט מען אן האלטן כשר און שבת, און איצט — מיט דער ישיבֿה — "

„א, דא זע'מיר דא!" האט עלען אויסגערופן, און האט אפגעשטעלט דעם אויטא פאר די טרעפ פון דער שול „נא דיר דײַן מיטאג..."

„א מא", האט אבי מיט א זיפץ אויפגעפראלט די טיר פון אויטא. „דו ווילסט פשוט נישט גלייבן, אז דער זון דײַנער איז אן אטעיִסט!"

„גענוג, אבי, כ'וועל דיך שוין זען שפעטער", האט עלען אים געענטפערט מיט א שמייכל. אבי האט פארהאקט די טיר און איז מיטן רוקזאק אויף די פלייצעס ארויף די טרעפ פון דער ישיבֿה. עלען האט געגעבן א טרעט אויפן גאז און האט זיך געגרייט אין וועג ארײַן. זי האט א קוק געגעבן אין זײַטשפיגל, צו זען צי סע קומט עפעס אן אויטא. מיט א מאל איז זי שטיין געבליבן. ס'האט זיך איר באוויזן אין שפיגל א בחור, וואס זעט אויס — „יא, יא, דאס איז ער!" האט עלען זיך געגעבן א כאפ. זי האט אים נאכגעקוקט אין שפיגל, ווי ער גייט אריבער די גאס, די ספרים אונטערן ארעם, די קורצע קוטשעראווע האר באדעקט מיטן שווארצן קאפעלע. דאס רעקל וואס איז אים צו קורץ, איז געווען אויפגעשפיליעט און האט געפלאטערט אין ווינט. עלען האט זיך אויסגעשטרעקט צום רעכטן פענצטער און עס אויפגעמאכט.

„שמואל־יוסף!" האט זי א לאכנדיקע אויסגערופן. „שפיליע זיך צו! ס'איז קאלט אין דרויסן!"

„הײַ, מיסעס פײַנמאן!" האט שמואל־יוסף צוגערופן. „וואס מאכט איר?"

גאנץ גוט. מיר זענען ערשט אנגעקומען. האסט פארפעלט אבין מיט א האלבער מינוט".

„טאקע? כ'האב אים נישט געזען".

יעקב ראָזענבערג

# צוויי לידער

## וויין מאַמעלע, וויין

וויין, יידיש מאַמעלע וויין,
כאַטש לעבסט שוין אויף יענער וועלט.
דיין קינד, דיין ליכטיקער אוצר,
ליגט נאַקעט אויף הפקר אין פעלד.

דיין קינד, דיין ליכטיקער אוצר,
דיין איינציק אויג אין קאָפּ,
האָט אַ פּנים וויים פון פּחד,
און אויף בלאָנד געפאַרבט איז איר צאָפּ...

אָט לויפט זי פון נאָרע צו נאָרע,
און פרעפלט אַזוי ווי פון זינען,
עס יאָגן זי פּוילישע גויים,
וואָס וועלן זי סוף־סוף געפינען.

ערשט נעכטן עס האָבן די גויים
אַ קינד ווי דיינס דאָ אַנטדעקט,
זיי האָבן ווי הינט זיך געוואָרפן,
צעריסן אויף שטיקער מיט העק.

וויין, יידיש מאַמעלע וויין,
ביטער פאַרשאָלטן דיין וועלט.
זעט אוים, אַז גאָט האָט פאַרגעסן
דיך, און דיין יתום אין פעלד...

## וואַצעק שטאַרבט

דער אַלטער וואַצעק גייט פון דער וועלט,
די אויגן האַלב שוין פאַרמאַכט,
און דורך די שויבן רופט אים שטום
מיט שרעק — די קאַלטע נאַכט...

די אַלטע וואַצקאָווע ווישט אַ טרער,
מיטן אַרבל פון מעטקאַל העמד,
און בעט זיך רחמים: יעזוס קרוין,
און ברעכט און ברעכט די הענט.

זי ווייסט: אויף איר וואַצעק וואַרט נישט קיין גוטס.
דאָס ווייסט אויך יעזוס, איר פּאַן.
אונטער איר בעט ליגט אַ מאַנטל פון פעלץ,
און אַ יידישער טשעמאָדאַן...
זי טראַכט איצט מיט מורא פון יענע טעג,
די טעג פון פרייד און רו,
ווען וואַצעק האָט פאַרקויפט אַ זשיד,
און געקויפט אַ נייע קו...

דער אַלטער וואַצעק גייט פון דער וועלט,
די אויגן האַלב שוין פאַרמאַכט,
און דורך די שויבן רופט אים שטום,
מיט שרעק די קאַלטע נאַכט...

די אַלטע וואַצקאָווע ווישט אַ טרער,
און שאַרט זיך ביי די ווענט.
זי דריקט צום האַרץ אַ טויטן ייד,
מיט רויטע געלעכערטע הענט...

---

זענען פאַרביי — איז שוין געווען נאָך אַלעמען...

דאָך האָט זי נאָך אַלץ געפילט, אַז זי מוז עפּעס פאַר־ענטפערן:

— האָב נישט קיין פאַריבל טייערער — צו לאַנג געווען אָן אַ מאַן...

אַז פּיעטקע איז צוריקגעקומען פון קריג, האָב איך שוין ווידער געוווינט אין דעם אַלגעמיינעם באַראַק פאַר פריילידיקע.

ווען ער האָט געהערט וועגן קוואַרטיראַנט, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש אים אָפּצודאַנקען.

מיר האָבן געטרונקען אַ לחיים און פאַרבליבן פריינד, ביזן טאָג, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט געטאָן אַ פייף, און מיר — די פּליטים זענען אָפּגעפאָרן צום וויטן האָ־ריזאָנט פון אונדזער בענקשאַפט: אַ היים..."

עוועלין האָט אויספאַריכט אַלע פעלערן; געמאַכט די באַמערקונגען, וואָס אַ לערערין איז מחויב צו מאַכן, מיט אַ רויטן בלייפעדער.

פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען שיפּרין: די זילבערנע האָר, די שוואַרצע האָרן־ברילן. זי האָט אים געוואָלט זען ווי אַ יונגן בחור, אים צוזאַמען מיט נאַטאַשאַן אין אַ פריי־לינגס נאַכט ערגעץ ווו הינטער די אוראַלער בערג

— ווען איך בין נאַטאַשאַ, ווי וואָלט איך זיך באַנו־מען?

אויף אַ רגע האָט זי זיך פאַרטראַכט:

אויף דער פראַגע האָט זי נישט געקאָנט ענטפערן, אָבער אַ טיפע אינערלעכע סימפּאַטיע האָט זי פאַרט פאַר איר געהאַט, און זי איז אַפילו גרייט געווען איר צו פאַרענטפערן...

ספּירט מיט אַ שטיק קרייד אין האַנט, און פאַרשרייבן עס גענוי אין דעם דורכלאָז־שײַן.

קאַטיע — דאָס מיידל מיט וועלכער ער האָט געוווינט — איז געווען די זעלבע קאַטיע. אַ ווייבלעכע, אַ צוגעלאָזענע, נאָכגעגעבן נח׳ס אַלע קאַפּריזן. געפינען אַ מאַן אין יענער צייט מיט הענט און פיס, אָן ווונדן, אָן עפּעס אַ פאַרדרייעניש אין קאָפּ — איז נישט געווען פון די לייכטסטע זאַכן. איבערהויפּט נאָך אין אַזאַ העק, הינטער די אוראַלער בערג. קאַטיע האָט עס א אָפּגעשאַצט און נח האָט חלילה זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן. אַכיבע אויף דעם, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ביי אים אין קאָפּ האָבן זיך אין די טעג געשפּונען פּלענער, אָבער אָן פאַנטאַזיע. ביז גאָר תחליתדיקע. אין זיי איז פאַר קאַטיען קיין אָרט נישט געווען.

— מיט אָט דער בתולה זיך צוריקקערן אהיים?

אויפן ספּירט־זאַוואָד האָט זיך די פּעטלע אַרום זיין האַלדז גענומען פאַרציען. מען האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז אַ פּוילישער ייד, אַ ביעזשעניעץ, אַ נישט־זיכערער עלעמענט — א יונגער מענטש וועלכן מ׳האָט אַפילו אויפן פראָנט מורא געהאַט צו נעמען.

פאַרנאַכט איז קאַטיע אַריינגעקומען מיט פאַרווײנטע אויגן. נח איז נישטאָ. שוין די דריטע נאַכט ווי ער יאָוועט זיך נישט אַהיים. זיינע זאַכן זענען אויך פאַרשוווּנדן.

— מסתמה וועט ער צוריקקומען. געוויס ערגעץ צוגעפאָרן.

— ניין — איז קאַטיע באַשטאַנען אויף ס׳איריקע — ער וועט נישט צוריקקומען. אַפילו דעם „גאַלזטוך" האָט ער מיטגענומען...

דערווידערן אַזאַ אייזערנעם אַרגומענט איז נישט מעגלעך געווען..."

✶

שיפּרין האָט זיך געכאַפּט, אַז נישט דאָס האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו באַשרייבן.

— ווייזט אויס — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — עס איז לייכטער צו דערציילן וועגן יענעם. און נאָך האָט ער געטראַכט:

— איז איצט די צייט זיך צו מודה זיין אין די בחורישע זינד? ווען מען באַטראַכט אָבער דעם ענין אַביסל אַנדערש קאָן גאָר אויסקומען, אַז ער האָט געהאָלפן אַ פאַמיליע פון א פראָנטאָוויק, פון אַ מענטש וואָס גייט אין פייער מיט אַ שונא, וואָס איז אויך זיין, שיפּרינס שונא.

— מעגלעך — איז שיפּרינען איינגעפאַלן — עוועלין וועט עס אנעמען ווי שרייבערישע פיקציעס — אָט, אַן אויסגעטראַכטע מעשה...

סיי ווי, פאַר דער לערערין עוועלין וועט דאָס אַלץ אויסזען ווי א שטיק עקזאָטיק.

„אַלעמען האָט מען אויפן קאָמבינאַט גערופן לויטן ערשטן נאָמען און לויטן פאָטערס נאָמען, וועדליק עס פירט זיך ביי די רוסן. נאָר דווקא מיר האָט קיינער נישט גערופן: גרישאַ סאָלאָמאָנאָוויטש. שיפּרין האָט פאַר זיי געקלונגען קירצער און עפּעס עכטער, רוסישער...

מיט דער קוואַרטיר האָב איך דווקא געטראָפן. די באַלעבאָסטע — אַ ציכטיקע, אַן אַרבעטסזאַמע, און אַז מ׳האָט זיך דווקא גוט צוגעקוקט — נישט קיין מיאוסע פאַרקערט. נאָך אַ טאָג אַרבעט אויפן זאַוואָד האָט זי אָפּגעקאָכט אַן אָונט ברויט, ווי אין יענע טעג — אַ גאַנץ לייטישן. די שטוב אויפגעראָמט, דאָס בעט — ריין, אַלץ אויסגעוואַשן פאַר מיר, פאַר דער ווירטשאַפט. מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. פאַווליק, דאָס יאַטל האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר.

— דיאַדיאַ — האָט ער מיר גערופן — פּעטערל. ער האָט געבענקט נאָך אַ טאַטן, וועלכן ער האָט קוים געדענקט.

אַפילו נאַטאַשאַ האָט מיר קיינמאָל אַנדערש נישט גערופן, ווי שיפּרין. און שיפּרין האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב צום עסן, מער ווי נאַטאַשאַ האָט פאַרדינט פון איר אַרבעט.

די בריוו, וואָס זענען געקומען פון פראָנט, שפּעטער פון די שפּיטאָלן זענען געווען בריוו פון א סאָלדאַט, וואָס בענקט נאָך דער וואַרעמקייט פון דער משפּחה און זענען פול מיט זאָרג, ווי אַזוי זיי קאָנען זיך דורכשלאָגן.

— נישט קיין שלעכטער באַלעבאָס פּיעטקע — דערציילט נאַטאַשאַ — נאָכן לייענען די בריוו. טרינקט אַ ביסל, אַזוי ווי אַלע, האָט אָבער אין זינען די משפּחה. איז גוט מיט די הענט אויפן זאַוואָד און אין דער ווירטשאַפט. תמיד געטראַכט: אָט וועט מען זיך אַביסל אויסברייטערן, פאַרגרעסערן די ווירטשאַפט, קויפן אפשר אַ קו — האָט אים די מלחמה צוגעכאַפּט.

ערגעץ ווו האָב איך אויך געהאַט אַ משפּחה — און אויך וועגן מיין משפּחה האָט נאַטאַשאַ געלאָזט פאַלן אַ זיפץ.

— אפשר — גאָט וועט געבן — וועסט זיי אָפּגעפינען...

עס איז שוין געווען היפּשער פרילינג. די נעכט — פראָסטיקע, לבנה׳דיקע. די טעג־כמעט שוין וואַרעמע. אַ גרעזל האָט גענומען שפּראָצן. ביי מיר האָט אויך די האָפענונג גענומען אויפגיין, אַז ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן, און מ׳וועט ווידער זען די היים... היים האָט געהאַט טויזנט פּנימער, וואָס זענען אַרומגעשווומען אין דער פאַנטאַזיע, ווי אַ שיף, וואָס שווימט אַריין אין רעגנבויגן.

אין איינער אַזאַ פרילינג נאַכט, האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי ס׳איז ענג געוואָרן אין בעטל. די ענגשאַפט אָבער איז געווען אַן איבעראַשנדיקע און אַן אַנגענעמע.

נאַטאַשאַ האָט מיר איינגערוימט אין אויער:

— ליג רואיק. וועק נישט אויף פאַווליקן. פון איר שווערן אָטעמען האָט מען אַרויסגעפילט, אַז פאַר איר איז עס געווען אַ געוואַגטקייט, אויף וועלכער זי האָט זיך סוף כל סוף פאַרמאָסטן.

זי איז געווען אַביסל פאַרשעמט. איך — אַביסל איבעראַשט. ווען די פאַרשעמטקייט און די איבעראַשונג

לופט וואָס מען האָט געאָטעמט, איז געווען ווי דינער, אומזעבאַרער גלאָז.

„דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט. אויפן ראַנד פון הימל האָט זיך גערויטלט א ווייטע שיין. עמעצער האָט באַמערקט אַז דאָס מוז זיין דער אָפּשיין פון פּאָלאַרן ליכט. אַן אַנדערער האָט געהאַלטן, אַז מיר זענען נאָך נישט אַזוי נאָענט צום צפון, און די שיין איז פון די קוימענס פון די שמעלץ אויוונס, די דאָמינאָס. אויף געוויס האָט קיינער נישט געוווּסט. גאָר ווײַכטיק איז עס אויך נישט געווען. מיר זענען געגאַנגען א מאַן אכט, יידישע בחורים פון פּוילן, פּליטים, וועלכע זענען געלאָפן פון אומעטום און געהאָפט צו געפינען אַן אָרט, מען זאָל ווי נישט איז קאָנען איבערלעבן די מלחמה.

עס איז געווען דער אָנהויב פון יאָר 1944.

אין דער צוזאַמענוווינונג פאַר פרייליידיקע, אין וועלכער מיר זענען נאָכן לאַנגן מאַרש אָנגעקומען, איז געווען וואַרעם אָבער פּוסטלעך. עטלעכע עלטערע מענטשן זענען געזעסן אויף די בעטלעך און גלייכגילטיק באַטראַכט די נייע מענטשן, וואָס וועלן אַרבעטן דאָ, אויפן קאָמבינאַט. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז און געשמייכלט צו זיך מיט א שמייכל, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן פאַרשטאַנען.

טאַקע נישט צומאָרגנס, אָבער מיט דער צייט האָבן מיר עס אויך פאַרשטאַנען. אויפן קאָמבינאַט האָבן געאַרבעט כמעט פרויען און בלויז עטלעכע עלטערע מענער, אָן וועלכע מ'האָט זיך שוין דאָ נישט געקאָנט באַגיין און וועלכע האָבן סיי ווי נישט געטויגט מער פאַר זעלנער. צוליב דער ווינטערדיקער אָנגעפּעלצטקייט האָט מען זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין עלטער פון די פרויען. אויך זייערע שטימען האָבן גאָרנישט פאַראַטן. זיי האָבן אַלע גערעדט הייזעריקלעך און געקלונגען האָט עס כמעט מענעריש, מיט אַ לשון וואָס איז שוין געווען אַבסאָלוט מענעריש . . .

דער ערשטער פון אונדזער גרופּע, וואָס איז אַרויס ווינען פּריוואַט צו אַ באַלאַבאָסטע, וואָס האָט געהאַט שטיין אַ פריי בעט צום שלאָפן, איז געווען נח, דער גאַליציאַנער, פון וועלכן פּונקט מען זאָל זיין האַנדלונג נישט באַטראַכטן, האָבן אַלע באַוויזן גערעדט לטובת אים:

אין דרויסן איז געווען אַ מלחמה. ער איז אי אַ בחור און אי א פּליט, אַן פאַרבינדונגען און אָן פּליכטן. ער האָט דעריבער אין גאַנצן ענין צופיל נישט אַריינגעטראַכט. און אַ חוץ דעם: צו זיינע געשעפטן האָט ער באַדאַרפט אַרויס פון דער צוזאַמענוווינונג, מ'זאָל אים נישט געבן קיין „עין הרע" . . .

נח האָט געאַרבעט אויפן ספּירט־זאַוואָד, און ספּירט איז תמיד אַ גאַנגבאַרע מטבע, איבערהויבט אין די הענט פון די וואָס ווייסן ווי אַזוי זיך מיט איר באַגיין.

אַ שכנה פלעגט אַריינקומען דאָרט, ווו נח האָט געהאַט זיין קוואַרטיר. אַ ייִנגל האָט די שכנה געהאַט פון אַ יאָר זעקס־זיבן. דער מאַן אויפן פראָנט. אַן אַנשטענדיקן קוואַרטיראַנט וואָלט זי אַריינגענומען. אַזוי האָט מיר פאַרזיכערט נח, און לויט אים, זעט ער נישט קיין בעסערן קאַנדידאַט.

— דער ייִנגסטער און דער סאַמע אָנשטענדיקסטער פון דער חברה, און אַ באַלעבאָסטע וועט צו אים נישט צולייגן — אַזוי האָט נח פאַרזיכערט דער שכנה — ווייל דער פאַרעניאַק אַרבעט אין פראָמטאָרג פון קאָמבינאַט.

דער גאַליציאַנער האָט נישט נאָר אין זין געהאַט זיינע געשעפטן, נאָר אויך מיינע. ער האָט זיך געפילט ווי אַ שטיקל אפּטרופּות, און דערפאַר טאַקע האָט ער מיר אַביסל שפּעטער פאַרהערט: — ווי געפעלט דיר דיין קוואַרטיר און ווי באַהאַנדלט מען דיר דאָרט?

וואָס האָב איך דערויף געקאָנט ענטפערן? דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט ווייסן — ביי דעם האָט עס נאָך נישט געהאַלטן . . .

די באַלעבאָסטע האָט זיך נישט באַקלאָגט. פאַוויליק. דאָס יאַטל איז שוין מער נישט געווען הונגעריק. דאָס ברויט איז מער נישט געווען פאַרבונדן אין אַ זעקל און אויפגעהאָנגען אויפן וואַנט. געוואָרפן מיט ברויט האָט מען זיך טאַקע נישט, און צום ברויט איז אויך תמיד וואָס געווען, אַפילו אין טעפּל אַריינצולייגן.

נחן איז געלונגען אין מסחר, כאָטש ריזיקירן האָט מען געמוזט און „שמירן" האָט מען געמוזט, דערפאַר האָט זיך ביי אים אַ ליבע מיט דער באַלעבאָסטע פאַרקניפּט גאַנץ לייטיש. די נעכט זענען געווען לאַנגע און קאַלטע, און ווו אַהין צו גיין איז אויך נישט געווען און אַחוץ אַלעמען – מלחמה אָדער נישט מלחמה — יונג איז מען אויך נישט אייביק, און אַלץ וואָס מ'קאָן אויסטייטשן ווי נישט אָנשטענדיק, פאַרשרייבט מען אויפן חשבון פון דער מלחמה . . .

די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געענדיקט. אין דרויסן האָט פאַרשמעקט מיט פרילינג און מיט רעפּאַטריאַציע. קיינער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז די היים עקזיסטירט בלויז אין אונדזער חלום. דער חלום איז געווען דער עלעקסיר וואָס האָט גענערט דעם ווילן צום לעבן. זען די היים . . . צוריק אַהיים . . . אַ כוואַליע פון עקזאַלטאַציע, אַ מין גייסטיקע שכרות האָט אַרומגעכאַפּט די פּליטים וואָס האָבן געהאַט א טאָפּלטן באַגער:

— אַוועק פון דאַנען — צוריק אַהיים . . .

דאָס געפיל קאָן נאָר פאַרשטיין א מענטש, וועלכן מ'האָט פאַרמשפּט אויף אייביקער תפיסה, און אין איין פרימאָרגן מאַכן זיך די טויערן אויף — און ער גייט אַרויס אין דרויסן. אַ פרייער מענטש . . .

נחן איז ענג געוואָרן אויףביידע פראָנטן. די דירעקטאָרן פון זאַוואָד האָבן זיך גענומען גרייטן. צוריק אין די אַלטע היימען דאַרף מען פאָרן. זיי האָבן דעריבער געוואָלט האָבן אַ ריינעם טיש . . . צוליב אַ קלייניקייט האָט מען דאָ געקאָנט איבערבלייבן אויף היפּשע עטלעכע יאָר. מיטאַמאָל האָט פון זיי גענומען בלאָזן אַ ווייסטע קעלט, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ פרעמדקייט און אַן אימה. דאָס נאָכקוקן די חשבונות איז שוין מער נישט געווען קיין קאַטאַוועס. אַרויסקריגן א דורכלאָז־דערלויבעניש האָט מען געמוזט אויסשפּייען די גאַל, און צושטעלן באַוויזן. אַפילו דער וועכטער ביים טויער האָט גענומען ציילן די פּעסער

אַריינגעבראַכט פֿאַמילאַרקייט אין וועלכער עס האָבן אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַן אָרט־זכרונות.

אין דער טבֿע פֿון זכרונות ליגט די אייגנשאַפֿט, וואָס זיי ווילן נישט לאָזן זיך אויסמעקן פֿון דעם לעבנסבאַנד, ווי מען מעקט עפּעס אויס פֿון אַ פֿאַרשריבענער טאַשמע, עפּעס וואָס איז שוין מער נישט נויטיק.

אין דער דימענסיע האָט זיך עוועלין נישט אַריינגעפּאַסט. זי האָט איינפֿאַך נישט געהאַט קיין זכרונות, מיט וועלכע זי זאָל קאָנען ביישטייערן די שמועסן, וואָס האָבן אָנגערירט די פֿאַרגאַנגענהייט. די מלחמה־יאָרן האָט זי אין אויסטראַליע, דורכגעמאַכט ווי אַ יונג מיידל — צו יונג, צו האָבן מלחמה דערפֿאַרונגען. כאָטש אין יענע יאָרן האָט אין מעלבורן און סידנעי געווימלט מיט אַמעריקאַנער זעלנער. מיט ליבע אַוואַנטורעס... מיט שנעלע חתונות, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם צייכן פֿון דער צייט: „מלחמה כלות".

✶

צוערשט איז שיפֿרין געווען ענטוזיאַסטיש מיט דער אויפֿגאַבע, וואָס די לערערין האָט פֿאַרגעבן: שרייבן אַ קורצע דערציילונג באַזירט אויף פֿליטימשאַפֿט אָדער מלחמה איבערלעבונגען. דאָס איז זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט דיינע פֿאַרבאָרגענע ווונטשן צו געבן זיין יוגנט אַן אָרט אין זיין לעבן, אַן אָרט — וואָס דאָס לעבן גופֿא האָט איבערהיפּט, זיין יוגנט איז פֿאַרבונדן מיט די געצוווּנגענע וואַנדערונגען איבער דער לענג און ברייט פֿון א זעקסט ־ חלק פֿון דער ערד. וואַנדערונגען פֿון אַן איינזאַמען יונגן בחור...

דאָס שרייבן איז געווען איינער פֿון די אַרגומענטן, וואָס ער האָט באַנוצט כדי זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז די שול וועט אים אין דעם העלפֿן.

שיפֿרין האָט ממש געפֿיבערט: ער איז עס בכּוח צו טאָן; ער האָט די נויטיקע שפּראַך; די פּאַסירונגען רייסן זיך צו פֿאַרפֿלייצן דאָס פּאַפּיר. יעדער עפּיזאָד וויל אַרויס פֿריער, טאָמער האָט שיפֿרין חרטה און האַלט אים פֿאַרשפּאַרט. עפּיזאָדן אין זכרונות זענען אפשר ענלעך צו מענטשן: זיי האָבן פֿיינט, אַז מען לאָזט זיי נישט קומען צום וואָרט. זיי רייסן זיך צו דער פֿריי.

אין מיטן פֿון שרייבן, ווען דער ווילדער אויסגוס האָט זיך גענומען אויספֿאָרמירן אין אַ מיושבֿדיקן, שטיל־שטראָמיקן טייך — איז אויך שיפֿרין געוואָרן מיושבֿדיקער. אים האָט זיך גענומען דוכטן, אַז ער איז זיך מתוודה, וואָרעם אין לויף פֿון שרייבן האָט ער געזען פֿאַר זיך די לערערין. — דאַרף ער זיך מתוודה זיין פֿאַר עוועלין?

ער אַליין קאָן שוין באַלד נישט באַנעמען, אַז דאָס, וואָס ס'איז מיט אים איז אין יענע יאָרן פֿאָרגעקומען הינטער די אוראַלער בערג, קען זיין איז נישט מער ווי די צעהיצטע פֿאַנטאַזיע פֿון אַ יונגן בחור, אויסגעבענקט נאָך דער נאָנטקייט פֿון אַ פֿרוי...

— האָט ער זיך גענויטיקט אין אַ פֿרוי? אין אַ מאַמען?

אָבער פֿאָרט:

נאַטאַשאַ איז אַ לעבעדיקער מענטש. ער קאָן זי באַשרייבן מיט אַלע קלייניקייטן, ווי זי וואָלט פֿאַר אים נאָר וואָס געשטאַנען, און יאָרצענדליקער האָבן קיין שליטה נישט געהאַט — נישט אויף איר שלאַנקן קערפּער און נישט אויף זיין, שיפֿרינס מוח ווו זי האָט זיך פֿאַראַנקערט, צום בלייבן.

פּעטיאַ, איר מאַן איז צוריקגעקומען פֿון פֿראָנט אַ הינקעדיקער, אָבער פֿאָרט: מיט פּיעטקען האָט ער שנאַפּס געטרונקען... און ווי קאָן מען פֿאַרגעסן דעם זעקסיאָריקן פּאַווליקן? אָט איז ער דאָך: אַ קינד מיט שטרויענע האָר, אַ באָרוועסער, אין אויסגעוואַקסענע הייזלעך, מיט אַ פֿאַרשניפּט נעזל און מיט אויגן פֿון אַ היימישער, הונגעריקער חיהלע, וואָס קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף דעם, וואָס וואַרפֿט איר צו אַ ביסן.

טוט שיפֿרין אַ גלעט די באַזילבערטע האָר, ווי צו איבערצייגן זיך, אַז זיי זענען שוין היפּלעך שיטער געוואָרן, אַז ס'איז שוין נישט יענער שיפֿרין.

— וועט עוועלין אים גלויבן?

דאָס יינגלערישע האָט זיך אין אים צעשפּילט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו זיך:

— און אַז נישט — ווועמען אַרט עס?

די זאָרג, וואָס האָט געהאַמעוועט זיין שרייבן, האָט דענערווירט.

— וועט עס עוועלין קאָנען אויפֿנעמען ווי דער זעלנער פּיאָטר מיכאַילאָוויטש, וואָס האָט אים מכבד געווען מיט בראָנפֿן, און געקלאַפּט אין פּלייצע; גערופֿן אים: בראַטאָק און זיעמלאַק און דרוזשאָק — טאַקע דערפֿאַר וואָס ער האָט אין די הונגעריקע יאָרן אַרויסגעהאָלפֿן זיין משפּחה?

און כאָטש ביי שיפֿרינען אין הויז זענען שוין אַרומגעלאָפֿן אַ דריי אייניקלעך, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלייבן זיך אין בערטאַס שטימונגען, און אַלץ נישט געקאָנט פֿאַרויספֿילן, ווי זי וועט קוקן דערויף. נאָכן איבערלייענען, וועט זי אוודאי אַ זאָג טאָן:

— פֿאַר ווועמען באַרימסטו זיך דאָ?

אויף אַזוי פֿיל — קאָן מען זאָגן — האָט שיפֿרין דאָך געקאָנט זיין פֿרוי.

די האַנט, וואָס האָט געפֿירט די פֿעדער, האָט זיך פֿאַרהאַלטן. די זכרונות האָבן זיך געריסן אין דרויסן אַרויס, אָבער די ספֿקות זענען געווען ווי אַ מויער אין אַן ערד־ציטערניש וואָס קרישלט זיך און פֿאַרשיט דעם אַרויסגאַנג פֿאַר די, וואָס ווילן זיך ראַטעווען.

— זאָל ער אָפּגראָבן דעם אַרויסגאַנג און פֿריי לאָזן די געדאַנקען?

דער חשק צום שרייבן, האָט אים באַהערשט מיט דעם בלינדן אימפּעט, ווי עס באַהערשט אַמאָל א מענטשן, וואָס וואַרפֿט זיך אין פֿייער ראַטעווען אַנדערע.

„דער פֿראָסט, ווי דער שטייגער פֿון מיטווינטערדיקע אוראַלער פֿרעסט — איז געווען אַ ברענענדיקער, אָבער אַ שטילער. ער האָט זיך נישט געלאָזן פֿילן, כאָטש די

# געמאַכט די היים־אַרבעט...

די ייִנגסטע אין קלאַס פון אינסטיטוט „בילדונג פאַר דערוואַקסענע״, איז געווען עוועלין, די לערערין. די מיטליאָריקע פרויען און מענער האָבן אויף איר געקוקט מיט וואַרעמקייט און צוגעלאָזנקייט. פאַר זיך האָט יעדער, אויף זיין שטייגער געפילט, אַז דער איינגעשטעלטער סדר — ווען די דערפאַרענע דאַרפן לערנען די ייִנגערע — האָט זיך דאָ איבערגעדרייט. ס׳האָט זיי אויסגעזען, ווי אַן אייגענע טאָכטער, וועמענס טריט מ׳האָט אָפּגעהיט און וועלכער מ׳האָט געלערנט גיין — האָט מיט איינמאָל איבערגעשפּאַנט אַלע גרענעצן און אַצינד צייכנט זי גאָר אָן פאַר די עלטערע זייער וועג אין אַ וועלט, וואָס איז פאַר זיי געווען פאַרבאָרגן.

צייטנווייז האָט אויך עוועלין זיך געפילט נישט באַקוועם צו לערנען מענטשן מיט גרויע קעפּ, ווי ס׳וואָלט איר נישט באַקוועם געווען צו לערנען איר אייגענעם טאַטן, צו וועלכן זי האָט — זינט זי געדענקט — אַרויפגעקוקט מיט טיפן דרך־ארץ און מיט באַוווּנדערונג. פאַר איר איז דער טאַטע געווען דער פּערפעקטער מוסטער פון אַ מענטש, אין וועמענס פוסטריט זי ווינטשט זיך צו גיין...

מיטן לויף פון די לעקציעס, די פּראָבלעמען פון סאָציאָלאָגיע און פּאָליטיק, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען אין דיסקוסיעס צווישן די שילער גופא, און אירע אייגענע געדאַנקען — האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַ האַרמאָניע, אין וועלכער עלטער האָט אויפגעהערט צו זיין די מאָס פון געניטקייט. עוועלין האָט — נישט ווויסנדיק אַליין, ווי אַזוי דאָס איז געשען — באַמערקט, ווי די מיטליאָריקע גרויע קעפּ זענען ייִנגער געוואָרן; זיך אַריינגעוואָרפן אין דיסקוסיעס מיט יוגנטלעכן ברען, אַז נישט איינמאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט:

זי איז ווידער אין לערער סעמינאַר, אין יענע הייסע יאָרן פון דער וויעטנאַמער מלחמה; פון דער וויטלאַם רעגירונג, ביי וועלכער מ׳האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ממש אונטער דער נאָז־אַוועקגענומען אַלע רעכטן פון רעגירן מיטן לאַנד.

אַ שול־קלאַס, ווי יעדע געזעלשאַפט וואָס נעמט זיך פאָרמירן, איז פון אָנהויב גרויע, איינפּנימדיקע מאַסע, פון וועלכער עס הויבן זיך אָן פאַוואָלינקע אויסטיילן אינדיווידואַלן; מען נעמט דערקענען כאַראַקטערן: עס הויבן זיך אָן דורכרייסן פּערזענלעכקייטן וואָס הויבן אָן געבן דעם טאָן מיט זייער אַגרעסיווקייט; עס נעמען זיך אויך מערקן פּאַסיווע שווייגער, כאָטש דער לערער פּרובירט אין זיי אויפוועקן אינטערעס: אַריינציען זיי אין דער דיסקוסיע. ער ווייס: די וואַגט פון פּאַסיווקייט קאָן אַמאָל פאַרשטעלן אַ ברוויזנדן קוואַל פון געדאַנקען, וואָס זוכן אַ וועג צו דער אויבערפלאַך.

עוועלינס קלאַס פון „בילדונג פאַר דערוואַקסענע״ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פעלקער ליגע, אָך כאָטש אַלע האָבן גערעדט ענגליש — האָבן א סך שילער געהאַט זייער אייגענע מוטער־שפּראַך, קולטור און איבערלעבונגען, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון אייראָפּע. אָט די דערפאַרונגען האָבן זיך אָנגעזען אין די עסייען און דיסקוסיעס. עוועלין האָט זיך באַמיט די שילער דערמוטיקן אין אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען און שטימונגען.

אין דעם אָ קלאַס האָט זיך פאַר שיפרינען אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט. שיפרין, וואָס איז אגב געווען אַ ביז־גאָר פאַרנומענער מענטש, איז דאָ נישט געקומען זוכן געזעלשאַפט, ווי עטלעכע פון זיינע מיט שילער מענטשן אויף עמעריטור, וואָס ווילן נוציק פאַרברענגען די איבעריקע צייט.

די אייגנשאַפט אָנצופירן האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט נאַטירלעך זינט די אַלע יאָרן, ווען ער איז געווען פאַרטאָן אין אויפבויען די פירמע: „שיפרין און קאָמפּ.״. נישט געקוקט אויף זיין פּאָזיציע, איז דער חשק צום לערנען נישט פאַרטעמפּט געוואָרן, דורך דער נויטיקייט פון מאַכן אַ לעבן. כאָטש אָנהויב זעכציקער, ווען מענטשן ווילן געוויינטלעך געניסן פון דער פּרוכט פון זייערע דערגרייכונגען, האָט ער דאָך באַוויזן אָפּצושפּאָרן גענוג ענערגיע אין עקשנות, אַוועקצוזעצן זיך אויף דער שול־באַנק.

פון די ערשטע לעקציעס האָט עס עוועלין דערשפּירט. זי האָט באַקומען אַפשיי פאַרן הויכן, דאַרן מענטשן מיט די באַזילבערטע האָר און גרויע אויגן, וואָס האָבן ליבלעך געקוקט אויף איר דורך דיק־ראַמיקע ברילן.

פון אָנהויב האָט שיפרין נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין, מחמת קיינער קאָן פון זיין אייגענער הויט נישט אַרויסשפּרינגען.

ער האָט אין עוועלין געזען דעם האַלבן טוץ מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין זיין ביוראָ; מיידלעך וואָס טראָגן אים דעם גוטמאָרגן אַנטקעגן און וואַרטן אויף זיינע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו דערליידיקן די פאַרוויקלטע מסחרים, וועלכע די פירמע פירט.

מיט זיין עקשנות האָט ער אָבער זיך באַוויזן איבערצוקעמפן און פאַרגעסן, אַז ער איז דער דירעקטאָר פון אַ פירמע.

ערשט דאַן האָבן זיי געפונען די פאָרם; לערערין און שילער. אויפנעמען אָנווייזונגען אַנשטאָט אַרויסצוגעבן דירעקטיוון..

מיט דער צייט האָט זיך דער קלאַס אויסגעסדרט ווי אַן אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפט און דאָס האָט

קהילות האָט פיל אָרט פאַרנומען דאָס פּראָבלעם: ידיש אין די קהילות און „באַאַרדס אָף דעפּיוטיס״. די דיסקוטאַנטן זענען געווען: ב. ווינער, מעלבורן; קלמן לאַנדאַו, מעקסיקע. משה לעבענדיקער. אַרגענטינע: מרדכי לערמאַן, פּאַריז.

די פּראַקטישע אויספירן האָט געמאַכט יצחק קאָרן.

די אַרבעטס סעסיע פון די חורבן קאָמיטעטן און די ראָל פון ידיש איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן — נאָכן אינטערעסאַנטן רעפעראַט פון וולאַדקע מיד (אַרבעטער רינג). די דיסקוטאַנטן האָבן אַריינגעטראָגן פאַרשידענע פאָרשלאַגן, אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט: חיים באַביץ, ישראל; יאַבלאָנסקי, מעלבורן; מענדל גליקסמאַן, פּאַריז און פּיניע רינגעלבלום, מעלבורן. אַ גאָר גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופן די פּלענאַרע סעסיע: ידישע דערציאונג, פאָרזיצער: חיים פינקעלשטיין, ישראל. דער גאַסט רעדנער איז געווען ד״ר י. פּראָסט — דירעקטאָר פון פּאַראַייניקטן ידישן דערציאונגס־ראַט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטייל גענומען, פּעדאַגאָגן און געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשידענע לענדער. נאַטאַן גריפּענבערג פון מעלבורן האָט באַריכטעט וועגן דער טאָג־שולע אין מעלבורן; זיינע אויספירן זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

די פּלענאַרע סעסיע, יוגנט, האָט געפירט שרה געצאָף־זילבערמאַן, מעלבורן. די טעמע פון דער אויסגעברייטערטע סעסיע איז געווען: די ידישע יוגנט קערט זיך אום צו ידיש. נישט אַלע דיסקוטאַנטן זענען געווען איינשטימיק מיט דער טעמע. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע דיסקוסיע און וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען פיל יוגנטלעכע.

אַלע אַרבעטס קאָמיסיעס און פּלענאַרע סעסיעס האָבן אויסגעאַרבעט רעזאָלוציעס און פאָרשלאַגן. אין לעצטן טאָג פון די באַראַטונגען, מאָנטיק דעם 17־ט מאַי איז פאָרגעקומען די שלוס זיצונג, ווו ס׳זענען אָפּגעגעבן געוואָרן באַריכטן פון די קאָמיסיעס, רעזאָלוציעס און אַ ברייטע דיסקוסיע. עס זענען אָנגענומען געוואָרן אַ ריי באַשלוסן. צו די וויכטיקסטע געהערן: שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון ידישע שרייבער: אָרגאַניזירן ידיש קלובן פאַר דער יוגנט. וועגן ראַדיאָ און טעלעוויזיע: שאַפן קאַטאַלאָגן און פאַנאַנדערשיקן זיי אין יעדן לאַנד; וועגן ידישע דערציאונג: ווענדן זיך צו ידישע וועלט אָרגאַניזאַציעס וועגן פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פאַר לערער קורסן,סעמינאַרן, לערן־ביכער.

די קאָנפערענץ ווענדעט זיך צו די ידישע קהילות, באַאַרד אָף דעפּיוטיס, צו פאַרבעסערן די באַציאונג צו ידיש. וועגן טעאַטער: גרינדן א טרופּע, וועלכע זאָל באַדינען אַלע ידישע ישובים אין דער וועלט. דאָס טעאַטער דאַרף אַנטשטיין אין ישראל. דאָראַ וואַסערמאַנס פאָרשלאַג אויסצושולן יוגנט־אַקטיאָרן, איז אָנגענומען געוואָרן. אַזאַ טעאַטער סטודיע וועט אַנטשטיין נאָך דאָס יאָר. דער פאָרזיצער יצחק קאָרן, האָט מיט זיין איינדרוקספולן שלוס־וואָרט פאַרענדיקט די דריטע אויסגעברייטערטע סעסיע פון וועלט־ראַט.

ס׳איז ווערט צוצוגעבן, אַז די קאָנפערענץ אין מאָנטרעאָל איז געווען אַ געלונגענע. אויסער די אַרבעטס סעסיעס און באַראַטונגען, זענען פאָרגעקומען אַ ריי אימפּרעזעס און באַזוכן אין ידישע אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאָל. פאַר די אויסלענדישע געסט איז געגעבן געוואָרן די פאָרשטעלונג „גימפּל תם״ פון יצחק באַשעוויס, אונטער דער רעזשי פון דאָראַ וואַסערמאַן.

די ידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל געהערט צו די גרעסטע דערגרייכונגען אין דער ידישער וועלט: די פּרעכטיקע געבידע, די איבער הונדערט טויזנט ביכער אין פיר שפּראַכן, דער חורבן מוזעאום, די גרויסע צאָל זשורנאַלן און צייטונגען און לייען זאַלן. דאָס האָט איבערגעלאָזט אויף די באַזוכער א שטאַרקן איינדרוק.

פרייטיק דעם 14־טן מאַי איז פאָרגעקומען אין פאָלקס צענטער אַ ליטעראַרישער עונג שבת, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען יצחק באַשעוויס, רחל קאָרן, יצחק יאַנאַסאָוויטש. דער פרזיצער איז געווען יוסף מלאָטעק, שבת דעם 15־טן מאַי האָבן זיך די אויסלענדישע דעלעגאַטן פאַרזאַמלט אין דער שול פון „שער השמים״ ווו הרב ד״ר העשיל קלעפּפיש האָט גערעדט וועגן דער פּרשה. נאָכן דאַווענען איז פאָרגעקומען א קידוש און אַ רעפעראַט פון קלעפּפישן. די טעמע: „די ראָל פון ידיש אין היינטיקן ידישן לעבן״.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום: „די גייסטיקע ירושה פון מזרח אייראָפּעאישן ידנטום״ פאָרזיצער איז געווען יהודה עלבערג.

מיט אַ גוט געבויטער רעדע אין ידיש, איז אַרויסגעטראָטן דער אונדז גוט באַקאַנטער שמואל פיסאר. אויף דעם זעלבן סימפּאָזיום האָט גערעדט פּראָפ. אַרטור לערמער. דעם איינדרוקספולן אָוונט האָט פאַרענדיקט די קינסטלערין וואַרשאַווסקאַ (פּאַריז), מיט אַ פיינעם פידל קאָנצערט.

זונטיק דעם 16־טן מאַי איז פאָרגעקומען אין זאַל פון שער השמים אַ באַנקעט. ס׳זענען אַרויסגעטראָטן אַ ריי רעדנער. דער גאַסט רעדנער איז געווען דזשים פלעמינג, מיניסטער פאַר מאַלטיקולטור אין קאַנאַדע. נאָכן באַנקעט זענען אויסגעטיילט געוואָרן פּרעמיעס פאַר ידישע שרייבער און אַרטיסטן.

---

„נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך, און פּראָקלאַמירן זיך פאַר אַנדערע זענען מיר געקומען. מיר ווילן צוזאַמען אַרבעטן. איר וועט האָבן אַלערליי פאָרשלאַגן צו פּרוכטבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאָנען פאָרויס: זאָל ידיש ווערן אַן אַלגעמיין ידישע שפּראַך. אין איר מוזן איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע קולטור־גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט. זאָל אונדזער ידיש ווערן צווישן אַלע וועלטשפּראַכן אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך. זי מוז צוגענגלעך ווערן דער וועלט״.

י. ל. פּרץ (פון דער רעדע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908).

וו. יאַבלאָנסקי

# דריטע סעסיע פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

די דריטע אויסגעברייטערטע סעסיע פון וועלט־ראַט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 12־טן ביזן 17־טן מאַי ה. י. אין מאָנטרעאָל. צו דער סעסיע זענען געקומען פאָרשטייער פון 14 לענדער: קולטור טוער לערער, שרייבער, אַרטיסטן; אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלער און פאָרשטייער פון רעליגיעזן סעקטאָר. עס איז ווערט צו פאַרצייכענען. עס זענען אויך געקומען 2 פאָרשטייער פון די לענדער פון אונטערן אײַזערנעם פאָרהאַנג. די ישראל דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע רעפּרעזענטירן דאָס קולטור לעבן אין דער יידישער שפּראַך. דער וועלט־ראַט האָט באַקומען די מאַקסימאַלסטע הילף פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין מאָנטרעאָל.

די קנאַפּע צוויי הונדערט דעלעגאַטן פון אויסלאַנד האָבן רעפּרעזענטירט דאָס שענסטע און בעסטע וועלכע די יידיש רעדנדיקע וועלט פאַרמאָגט.

אויסער די אויסלענדישע געסט, האָבן אין אַלע אימפּרעזעס, אַרבעטס סעסיעס אָנטיילגענומען טוער פון מאָנטרעאל, וויניפּעג, טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט.

די פייערלעכע דערעפענונג פון קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין איינע פון די גרעסטע זאַלן, וועלכע געהערן צו דער שול "שער השמים". איבער טויזנט דעלעגאַטן און פאַרבעטענע געסט האָבן מיט גרויס שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די פייערלעכע דערעפענונג און די באַגריסונגען פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. דער פאָרזיצער פון וועלט־ראַט יצחק קאָרן, האָט אין זיין דערעפענונגס וואָרט באַגריסט די דעלעגאַטן אין פאַרבעטענע געסט. די ספּעציעל צוגעשיקטע טעלעגראַמע פון פרעזידענט פון מדינת ישראל יצחק נבון איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען פון די פאַרזאַמלטע. דער פרעזידענט האָט צווישן אַנדערע פאַרזיכערט די אָנטיילנעמער פון קאָנגרעס, אַז די ישראל רעגירונג וועט מיט אַלעם מעגלעכן אונטערשטיצן די באַוועגונג וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַראַ ציל אויפצוהאַלטן די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור. ער גלויבט, אַז די דריטע סעסיע פון וועלט־ראַט וועט לייגן אַ דאמבע קעגן אַסימילאַציע און אָפּגעפרעמדקייט וואָס שלינגט איין די בעסטע קינדער אין יידישן פאָלק.

אין נאָמען פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס האָט באַגריסט פּראָפעסאָר יצחק קאָטלער. דער פאָרשטייער פון דער וועלט עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ עקיבא לעווינסקי האָט באַגריסט אין האַרציקע ווערטער די איניציאַטאָרן, געסט און דעלעגאַטן, פאַרזיכערנדיק די פולע אונטערשטיצונג פון דער יידישער אַגענץ.

אין נאָמען פון יידישן וועלט קאָנגרעס האָט באַגריסט דער וויצע פּרעזידענט אַרטור הערצבערג.

די ווייטערדיקע באַגריסער זענען געווען: יוסף לאַנדיס, פאָרזיצער פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס און אַנדערע.

דער שרייבער עלי וויזעל איז געווען דער גאַסט רעדנער. אין זיין פּרעכטיק געבויטן רעפעראַט האָט ער אַרויסגעבראַכט די פּראָבלעמען און שוועריקייטן וועלכע שטייען פאַר דער באַוועגונג, וועלכע וויל צוריק איינפירן יידיש אין די שולן פאַרן צווייטן דור.

די קינסטלערין דינה האַלפּערן האָט רעציטירט פראַגמענטן פון יידישע שרייבער און פּאָעטן.

די אַרבעטס סעסיעס פון די פאַרשידענע קאָמיסיעס האָבן אַרומגענומען אַלע פּראָבלעמען פון יידישן קולטור־לעבן. צו די וויכטיקסטע קאָמיסיעס האָבן געהערט: יידישע פּרעסע, פאָרזיצער דוד שטאָקפיש, דיסקוטאַנטן זענען געווען: י. בראַט („לעצטע נייעס") י. חסיד (קאַנאַדער אָדלער) און אַנדערע. דער פאָרזיצער פון דער סעסיע פאַר יידישן טעאַטער איז געווען פּיווול זיגעלבוים. דיסקוטאַנטן. דינה האַלפּערן, דאָראַ וואַסערמאַן און בעלאַ שאפּראן, פון בעלגיע. אין דער יוגנט קאָמיסיע זענען געווען אַקטיוו: משה און שרה זילבערמאַן, באַקאַנטע יוגנט טוער פון מעלבורן.

אַ וויכטיק אָרט האָט פאַרנומען דאָס פּראָבלעם פון יידיש אין רעליגיעזן סעקטאָר. פאָרזיצער פון דער אַרבעטס־סעסיע איז געווען הרב יהושע שמידמאַן פון מאָנטרעאל. אין פּענעל זענען געווען: הרב צמח זאַמבראָווסקי פון ישראל; הרב ד"ר חיים דענבורג, מאָנטרעאָל; הרב העשל קלעפּפיש, פּאַנאַמאַ. ס'איז ווערט צו באַמערקן, אַז דער רעליגיעזער סעקטאָר האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַר דער יידישער שפּראַך.

די אַרבעטס קאָמיסיע פאַר יידיש רעדנדע קלובן, ספּעציעל פאַרן צווייטן דור — פאָרזיצער יצחק סטאָלאַרסקי פון ישראל. אַ וויכטיקע קאָמיסיע איז אויך געווען די ראַדיאָ און טעלעוויזיע קאָמיסיע אין וועלכער עס האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען פּיניע רינגעלבלום פון מעלבורן.

די אַרבעטס קאָמיסיע פאַר פאַרלאַג וועזן און ביכער פאַרשפּרייטער האָט געפירט ש. שווייצער, פון פּרץ פאַרלאַג אין ישאל. די דיסקוטאַנטן זענען געווען: יאַנאָסאָוויטש פון ישראל; בערקאָוויטש פון שוועדן, יאַבלאָנסקי פון מעלבורן און אַנדערע. דער צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור מיטן אָנטייל פון שרייבער, זשורנאַליסטן און מחברים איז באַהאַנדלט און געפירט געוואָרן דורך יהודה עלבערג און ד"ר אליהו שולמאַן. דיסקוטאַנטן: וואָלף טאמבור רומעניע, חוה ראָזענפאַרב, מאָנטרעאָל; לילי בערגער, פּאַריז; י. צ. שאַרגאַל ישראל. אויף דער אַרבעטס סעסיע פון יידישע קאָמיטעטן און די

י. מ. לעווין

# דעמערטרוים פון מייסטער

שטיל שטאַרן דריי אײנזאַמע סאָסנעס אין שקיעה דעמער,
אין בלוילעכן שוויגן, אינעם מלכות פון טרוימען.
די אָזיערע כוואַליעס זינגען גאָטס אײביקן זמר
און שפּילן די בענקשאַפט פון פאַרדמיונטע רוימען.
פאַרוואָס שטאַרן דיביימער ווי פאַרכישופטע מלכהס
געשטרעקטע צום הימל מיט קרוינען צעטורעמט?
האָט צו אײביקער בענקשאַפט אין אַ שוויגנדיק מלכות
זייער פּראַכטיקע פשטות גאָטס ווילן געפורעמט?
די זון קושט נאָך די קרוינען, נאָר שאָטנס שוין הילן
די שטאַמען מיט סודות אינעם בלוילעכן אומעט —
זיי ציטערן אין אימה און אין ווינטס בייזע געברילן, —
מלכהס פאַרבענקטע אינעם אומעטיקן תמיד.

אויף צעווינטלטער אָזיערע אַ שיפעלע שווימט
מיט אײנזאַמען פליעסק צו ווײט־ווײַטע נעפלען,
פאַרוואָס ברומען די כוואַליעס, פאַרוואָס ווײנט דער ווינט—
פאַרן גורל פון אײנזאַמען מענטש זיי צאַפּלען?
וואוהין גייט דאָס שיפל אין די צעגאָסענע ווײטן,
צו וועלכן ציל, אויפן וואַסער צעפּלאָס?
שניידט עס דורך שקיעה צו אַ זון באַנײַטער,
אָדער צו אַ ווײטן בלויען טרוימען־שלאָס?...
פליגל־פּאָך די לופט שנײדיק שמײסט —
איז פויגל און מענטש אין בענקשאַפט דערנענט?
וווּ איז דער ענטפער? — זיין אויג זיך רײסט
צום ווײטן הימלראַנד, וווּ לעצטער פלאַם ברענט.

דאָס שיפעלע צאַפּלט אויפן כוואַליעדיקן פלאַמענצינד
ווי אַ קינד אַ פאַרלוירנס וואָס גאַרט נאָך אַ טרײסטער, —
ווײסט סיבעליוס*) פאַרוואָס ס'פּײַפס דער ווינט —
פאַרוואָס מיט בענקשאַפט, סיבעליוס מייסטער?...
די באַסן ברומען, מ'ווײנען די פליטן —
אין נאָגנדן טרויער גייט אויס דער שפעטזומער,
אויפן רחבות פון וואַסער דעם מענטשן באַגלייטן
דער אומרו פון מייסטער, זיין זאָרג און קימער.
ער אומרוט אין ווינט און אין פויגלס געשריי,
אין פליעסק פון די וויאָסלעס, אין מענטש אויף זיין וואַנדער,
אין דער בלויער בענקשאַפט, אין דעמער־ווײ,
און אין פּראַכט פון דער סטיכיע. דעם אײביקן וווּנדער.
...די פידלען ציען נישט די סמיקעס לויזע,
אויסגעלײדיקטע פון מייסטערס אָטעם;
ער וואַרט אין פחד אויף דראָענדע ברויזן,
די אימה־שטאַפּעטן, אָנזאָגערס פון שטורעם.
זיין האַרץ דערשפּירט ווינט'ס רוישיקן ריטעם —
און די האַנט פאָלגט שטום באַפעלן געהיימע —

באַלד האָבן באַסן ווי חלפים צעשניטן,
צעוויכערט די שטילקייט געבוירן אין אימה...
געלאָשטשעט דער ווינט האָט די שוימיקע היגלען
מיט קעצישער ווייכקייט פון אַ זאַטן לייב.
די נאַכט האָט פאַרשטעקט אין טונקעלע שפּיגלען
אירע גיריקע נעגל גרייטע אויף רויב.

פלוצלינג אַ שלאָג טוט אײזיקער אומבייט —
אַ רוישיקער צפון־ווינט מיט האָגלען שיט;
שאַלן טראָמפּייטן: — דאָס איז בייט פון דער צייט
אין טראַכט פון דער אַלטער, נאָר וואָס אויסגעבריט!
מיט אַ לייבנקול ברומט צערדזוועטע צייט,
נאָר אור־קראַפט געצוימט ווערט פון מייסטערס זשעני —
און באַצוווּנגענער שטורעם לייגן איז גרייט
דעם צעפּאַטלטן לייבנקאָפּ אויף סיבעליוסעס קני.

ס'טונקלט די שעה פון פרינאַכט שלומער,
ס'שטומען די פידלען, די פלייטן, די באַסן, —
דעם וואַנדערערס גורל, דעם מייסטערס קימער,
באַגלייט דאָס שיפל צו די טרוימען־שלאָסן.

וווּ איז עס?... איז עס אנטרינען אין פאַרבאָרגענער ווייט?...
אויף דעם וועג צום טרוים פון ערב שקיעה?...
אויפן וואַסער רינען אויס די שלעסער מיט ווינט צעוויט,
פאַרגעסן ווי קיינמאָל געווען פריער...
פאַרשלונגען די נאַכט האָט דעם שפעטזומער דעמער, —
ס'פּייפט מער נישט דער ווינט, ס'ווײנען נישט פלייטן —
געבליבן איז בענקשאַפט, דער וויאַיקסטער זמר
פאַרן מענטש אין די נעכט פון בראשית אָן צייטן...

שטאַרן דריי סאָסנעס שטאָלצע און שלאַנקע
אין נאַכטיקן שוויגן געשטרעקט צו די רוימען,
זיי ציען די צווייגן פון בענקשאַפט קראַנקע
נאָכן זמר פון גליק צום מלכות פון טרוימען.

* יאַן סיבעליוס — פינישער קאָמפּאָזיטאָר (1957־1865)

די „קאַלאַוואַלאַ" איז אַ זאַמלונג פון פינישע עפּישע לידער, וועלכע זענען שוין אַלט עטלעכע טויזנט יאָר.

די מוזיקאַלישע אינטואיציע האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר סיבעליוס באַוויגן צו שרייבן אין טאָן פון די פאָלקס־מאָטיוון, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דער „אַלאַוואַלאַ".

ווען סיבעליוס איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, איז פינ־לאַנד געווען אַ טייל פון צאַרישן רוסלאַנד. פריער נאָך, האָט זיך פינלאַנד געפונען אונטער שוועדנס דאָמינאַציע, במשך פון 800 יאָר.

אַ פירנדער פינישער מוזיקאָלאָג קומט צום אויספיר, אַז איינע פון סיביליוסעס סימפאָניעס, די צווייטע, באַמיט זיך פאַרצושטעלן פינלאַנדס געראַנגל פאַר פאָליטישער פרייהייט.

געביט אַנדערש בלויז דערמיט, וואָס ווען ביי אַנדערע פעלקער זענען אַזעלכע פאַלן פאָרגעקומען נאָר מיט קליינע גרופן, מערסטנס זעלנער אויף אַ וויטן פראָנט, איז דאָס גאַנצע פוילישע ייִדטום פאַרמשפּט געוואָרן צו אומקום דורך די נאַציס. נאָך פאַרן נאַציזם האָבן ייִדן אין משך פון יאָרהונדערטער געלעבט אין פוילן און רוסלאַנד אין כסדרדיקער שרעק צווישן אַ פיינטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אויף זיי אָרגאַניזירט פּאָגראָמען און שחיטות.

די צייט איז נאָך געווען צו פרי, דער חורבן צו נאָענט, די ווונד אין האַרץ צו פריש כדי צו זיין בכוח צו קלערן לאָגיש און ראַציאָנעל וועגן דעם וואָס איז געשען. ערשט איצט, ווען דער נייער דור — די קינדער פון די געראַטעוועטע און די אייניקלעך פון די פאַרברענטע מיליאָנען — זענען אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן הייבט זיך אָן די ריכטיקע, מעטאָדישע פאָרשונג פון חורבן; דער דור פון די געראַטעוועטע האָט פאַרנאָטירט אין יזכור־ביכער און פנקסן די פאַקטן פון חורבן; די פּאָעטן און שרייבער האָבן אויסגעשריגן דעם ווייטיק, אָבער זייערע קינדער הייבן שוין אָן אויסצוגעפינען דעם אַנדערן אמת, דעם טיפערן אמת וואָס ליגט הינטער די פאַקטן — די געשיכטלעכע, אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע סיבות וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם חורבן.

וואָס איז דער „האָראָסקאָפּ" פאַר דער ייִדישער ווירקלעכקייט אין די מערבדיקע לענדער נאָך דעם ווי דער לעצטער דור פוילישע ייִדן — דער וואָס טראָגט נאָך אין זיך די רעשטלעך פון דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישער קולטור — וועט אַוועקגיין? עס איז שווער צו זיין אַ גאַנצער נביא, נישט ווערנדיק דערביי א האַלבער נאַר: עס קענען פאָרקומען אומפאָרויסגעזעענע אַנטוויקלונגען אויף דער וועלט וועלכע וועלן אָנרירן די גאַנצע מענטשהייט און אויך ענדערן דעם גורל פון ייִדן. דאָך, צוקוקנדיק זיך צו דעם נייעם דור פון יונגע ייִדן אין די לענדער פון מערב קען מען קומען צו געוויסע אויספירן און ריזיקירן געוויסע פּראָגנאָזן און השערות. מיטן גאַנג פון דער צייט ווערט דער ווייטיק פון חורבן וואָס אַמאָל שוואַכער. דאָס עמאָציאָנעלע וועט פאַרטראָטן ווערן מיטן לאָגישן און שכלדיקן. אָבער די נויטווענדיקייט פון אָנגעהעריקייט ביי נייע דורות ייִדן — אין די לענדער ווו זיי לעבן — וועט זיי אפשר באַוועגן צו זוכן אַ צוזאַמענהאַנג מיט זייערע אומגעקומענע אבות פון וועלכע זיי שטאַמען דירעקט אָפּ. דאָס וועט אפשר צוריק פאַרוואַנדלען דאָס לאָגישע און שכלדיקע אין דעם עמאָציאָנעלן, און עס וועט אין די ראַמען פון די אַנדערע קולטורן צוריקגעבוירן ווערן אַ קולטור פון ייִדן וועלכע וועט זיי צוריקגעבן דאָס געפיל פון געהערן צו אַ כלל — צו אַ ייִדישן כלל.

עס מוז דערביי באַמערקט ווערן אז דער אונטערשיד צווישן די פעלקער פון דער מערב־וועלט ווערט צוליב פיל פאַקטאָרן — וואָס אַמאָל קלענער, זייערע קולטורן דערנענטערן זיך איינע צו די אַנדערע, און ייִדן וועלן קיין אויסנאַם אין דעם פּרט נישט זיין. דאָך קען מען פאָראויסזען, אַז די קומענדיקע ייִדישע דורות וועלן איינהאַלטן אַ געוויסע, אויב אַפילו אומזעבאַרע, אינערלעכע, פאַרבינדונג מיטן פאָלק, מיט דער געשיכטע און מענטאַליטעט פון דעם גרעסטן און שעפערישסטן ייִדיש ישוב פון דער מאָדערנער צייט, דעם אומגעקומענעם פוילישן ישוב.

✶

די דאָזיקע קורצע, זייער פאַראַלגעמיינערטע באַמערקונגען נעמען נישט אַריין אין חשבון מדינת ישראל, וואָס איז אינגאַנצן אַ באַזונדער אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם וועלכן מיר פּרוּוון באַהאַנדלען.

וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען זענען שוין דערשינען אַקאַדעמישע ווערק, נישט געקוקט דערויף איז נויטיק אַ פערזענלעכער אַריינבליק אין די אַלע פראַגן פון אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן, פאַר וועלכע מיר זוכן אַ באַשייד.

## פון דער לעצטער מינוט

ווען דער זשורנאַל איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן, איז אָנגעקומען די ידיעה — אַז די ישראל־אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט קיין לבנון. ווען מיר שרייבן די שורות — איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פייער־איבעררייס — און די קאַמפן צווישן די ישראלים און די סיריער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אומאָפּהענגיק דערפון, גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ישראל האָט די דאָזיקע „בעזעם אָפּעראַציע", אויסקערן און ריין מאַכן די פּאַרפּעסטיקטע געביטן — אונטערגענומען מיט אַ שווער האַרץ.

יעדעס מאָל, ווען ישראל דאַרף שיקן אירע זין דורכצופירן אַ סכנה׳דיקע אויפגאַבע, ווערט עס געוואויגן און געמאָסטן, און דיסקוטירט: אפשר קאָן מען עס אויסמיידן.

וואַרשיינלעך איז שוין די חוצפה און פאַרריסנקייט פון די פּאַלעסטינער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מער וואַרטן האָט שוין ישראל נישט געקאָנט.

עס איז געווען צו דערוואַרטן די רעאַקציע פון דער אַזוי גערופענער „וועלט". די זעלבע וועלט, וועלכע מאַכט זיך נישט זעענדיק, אַז די פּליטים־לאַגערן אין לבנון, זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי מיליטערישע באַזעס, ווּ מען שולט אויס טעראָריסטן; ווּ מען ווערבירט 8־10 יאָריקע קינדער אין די טעראָריסטישע רייען.

אין דער זעלבער צייט — ווען די „וועלט" באַרעכטיקט ענגלאַנדס מלחמה מיט אַרגענטינע — קאָן זי אָבער נאָך אַלץ נישט מסכים זיין מיטן פאַקט, אַז ישראל האָט אַ רעכט און אַ פליכט צו פאַרזיכערן דאָס לעבן פון אירע איינוווינער.

לבנון איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן צוויי מאָל: איין מאָל פון די פּאַלעסטינער, וועלכע האָבן פאַרנומען שטעט ביים ים, און זיי פאַרוואַנדלט אין פעסטונגען, צו זייער אייגענעם נוצן; דאָס צווייטע מאָל פון סיריע, וועלכע האַלט אַן אַרמיי פון 30 טויזנט זעלנער אין לאַנד. זענען אין דעם פאַל נישט גילטיק קיין אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן?

לאָמיר האָפן, אַז ישראל וועט מיט איר „בעזעם־אָפּעראַציע" האָבן דערגרייכט איר ציל. דאָס וועט אויך זיין אַ גוטע לעקציע פאַר די, וועלכע מאַכן פּלענער פון רעוואַנזש, פון זוכן צו באַפרידיקן גרויסקייט מאַניע, אויפן חשבון פון מדינת ישראל.

מ.

נישט קיין יידן. אַזאַ לאַגע וואָלט געדאַרפט זיין אַ ברכה; עס האָבן זיך אָדער געשאַפן פּראָבלעמען, אויף וועלכע יידן האָבן זיך אין זייער לאַנגער, כמעט טויזנט־יאָריקער געשיכטע אין פּוילן נישט אָנגעטראָפן. עס איז אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון קיום און המשך. אַ פּראָצעס וואָס איז פאַר פּוילישע יידן געווען אַ נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע דערשיינונג. די קינדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן ביי די אימיגראַנטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערשטן יידישן דור וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציע; זיי האָבן געהאַט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו לערנען זיך אין מלוכהשע שולן, הויכשולן.

יידן האָבן אַן אַלטע טראַדיציע פון לערנען, האָבן די אימיגראַנטן אויסגענוצט די דאָזיקע מעגלעכקייט אין דער פולער מאָס און יידישע קינדער האָבן מיט קליינע אויסנאַמען, כמעט אַלע באַקומען העכערע בילדונג. די דאָזיקע ברכה, גלייכבאַרעכטיקונג — האָט מיט זיך געבראַכט א דילעמע.

די איינוואַנדערער, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט, אויפגעבויט הימען און זיך, מער־ווייניקער, „אַקלימאַטיזירט" אין די לענדער פון זייער נייער באַזעצונג, האָבן פלוצלינג דערזען אַ תהום צווישן זיך און זייערע אונטערוואקסנדיקע קינדער. דער תהום איז געוואַקסן פאַר זייערע אויגן און זיי אָנגעפילט מיט זאָרג און שרעק פאַר דער צוקונפט. אַליין אויסגעוואָרצלטע אָבער לעבנדיק אין אַ פרעמדער קולטור און ציוויליזאַציע איז זיי דאָך געלונגען איינצוהאַלטן אַ פעסטן גרונט אונטער די פיס, וועלכער האָט די אָנגעפילט מיט אינערלעכער זיכערקייט. דער גרונט איז געווען די אָנגעהעריקייט צו אַ שטאַם, טראָץ דעם וואָס דער שטאַם איז שוין געווען היפשלעך פאַרשניטן. זייער באַזע איז געווען די ירושה פון פוילישן ידנטום. די דאָזיקע ירושה האָבן זיי איינגעזאַפּט „מיט דער מאַמעס מילך"; זי איז זיי אָנגעקומען נאַטירלעך אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון זייער לעבן.

די ירושה איז געווען מער האַפּטיק ווי וועלכע נישט איז מאַטעריעלע ירושה; עס איז געווען א ירושה, פון וועלכער ווילנדיק צו נישט־ווילנדיק זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען.

אַ שרעק האָט אָנגעכאַפּט די עלטערן, ווען זיי האָבן דערזען אַז אין דער נייער היים גייען די קינדער אַוועק פון דעם מקור. מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען ווי אַזוי דעם דאָזיקן פּראָצעס אָפּשטעלן אָדער, אַמווינציקסטנס — מינימיזירן. אַחוץ שיקן די קינדער אין די צוגאָב זונטיקשולן (וועלכע זיי האָבן געהאָלפן צו גרינדן), האָבן די עלטערן זיך אויך באַמיט אַריינצוגעבן אין די קינדער „עפּעס" פון דער ירושה וועלכע איז געווען איינגעקריצט אין זייער געדעכעניש. זיי האָבן געוואָלט אַז די קינדער זאָלן וויסן פון וואַנען זייער אָפּשטאַם ציט זיך און וואָס איז געשען מיט די פון וועלכע זיי שטאַמען.

די קינדער זאָלן טרויערן אויף דעם אומקום פון זייערע נישט־דערגאַנגענע באָבעס־זיידעס, פעטערס־מומעס, קוזינעס. די עלטערן זענען געווען איבערגעצייגט, אַז דאָס איז דאָס מינימאַלסטע, צו וואָס די קינדער זענען מחויב.

ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, (אַחוץ געציילטע גליקלעכע פאַלן), אַז די אָנשטרענגונג ברענגט נישט די געהעריקע רעזולטאַטן, האָבן די עלטערן, אין בעסטן פאַל, זיך געווונדערט און, אין ערגסטן, באַשולדיקט די קינדער אין שלעכטן ווילן. וואָס איז אָבער געווען די אמתע סיבה פון דעם פעלן פון פאַרשטענדיקונג צווישן די צוויי דורות? מענטשן — און קינדער זענען מענטשן — פילן זיך אַמזיכערסטן ווען זיי זענען אַ טייל פון אַ כלל. פאַרן פרייז פון דער דאָזיקער זיכערקייט נוצן מענטשן טיילמאָל נישט אויס די מעגלעכקייט פון אויפהויבן זיך איבער דעם כלל. דאָס וואָס די עלטערן האָבן געוואָלט פון זייערע קינדער איז געווען דווקא אַזעלכעס וואָס וואָלט די קינדער אויסגעטיילט פון אַלגעמיינעם לעבן. נישט גענוג וואָס די קינדער פון די יידישע אימיגראַנטן זענען געווען סיי ווי אַנדערש פון אַרום, זייענדיק קינדער אָן באָבעס־זיידעס און אַנדערע קרובים, האָט מען פון זיי געוואָלט זיי זאָלן כסדר געדענקען זייער אַנדערשקייט און אַפילו מיט דעם זיין שטאָלץ. דאָס, וואָס עס האָט פאַר די עלטערן פאָרגעשטעלט אַ באַזע פון אָנגעהעריקייט, א גאַראַנטיע פון אינערלעכער רו און זיכערקייט אין א פרעמד לאַנד, האָט די קינדער גאָר געגעבן א געפיל פון אומזיכערקייט, און אָפט, פון מינדערווערטיקייט לגבי די נישט־יידישע קינדער, וועלכע זענען געווען די מערהייט, און מיט וועלכע זיי האָבן געוואָלט זיין גלייך. די יידישע קינדער האָבן נישט געוואָלט כסדר געדענקען אַז זיי שטאַמען פון א פאָלק וואָס איז געווען אין משך פון צוויי טויזנט יאָר דאָס ציל־ברעט פאַר כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען, און וועלכעס איז אין לעצטן סך־הכל אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ שוידערלעכן אופן. זיי האָבן אויך נישט געקענט פילן קיין האַס צו א גוטן חבר אין שול וועמענס עלטערן זענען געווען דייטשן. עס האָט אויך נישט געהאָלפן ווען מען האָט די קינדער דערציילט וועגן די העלדן פון די געטאָס, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק אַז די זעקס מיליאָן זענען געגאַנגען כמעט אָן ווידערשטאַנד צו זייער אומקום.

אין דעם פּרט זענען יידן נישט אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. עס זענען פאַראַן מעכטיקע פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער גלאָררייכער געשיכטע פאַלן פון גיין „ווי שאָף צו דער שחיטה". די דאָזיקע פאַלן זענען אָבער ווייניק באַקאַנט ווייל די געשיכטע פּנקסן דערציילן נישט וועגן דעם אָדער באַפּוצן עס, כדי די קומענדיקע דורות זאָלן נישט זען די „שאַנדע". דער טראַגישער אמת איז, אַז ווען מענטשן ווערן געשטעלט אין אַ לאַגע פון פולקאָמער אויסזיכטלאָזיקייט און אוממעכטיקייט אין אָנבליק, פון אַן אומפאַרמיידלעכן טויט, פאַרלירן זיי דעם מענטשלעכן שטאָלץ און גיבן זיך אונטער דעם גורל. יידן, און ספּעציעל פוילישע יידן, זענען אויף דעם

י. קאַפּע

# די דילעמע פון צוויי דורות

דער דור פוילישע ייִדן וואָס איז ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַלט געווען אַרום צוואַנציק אָדער אין די פריע צוואַנציקער — האָט געליטן שווערע פארלוסטן: יוגנטלעכע פון ביידע מינים זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו זיי זענען דורך די נאַציס אומגעבראַכט געוואָרן. דאָך, ס׳זענען געבליבן לעבן פון דעם יונגן דור מער ווי פון דור פון זייערע עלטערן און קרובים. ייִדישע יוגנט האָט זיך מערסטנטייל געראַטעוועט דורך אַנטלויפן פון דעם נאַצי־אָקופּירטן פוילן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד; א קליינער טייל איז ניצול געוואָרן פון טויט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אַלס קריסטן אויף דער א״ג „אַרישער זייט״; א טייל איז געלונגען איבערצולעבן אַפילו אין די היטלערישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די לעבן־געבליבענע יונגע מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָבן זיך, מיט מינימאַלע אויסנאַמען, צוריקגעקערט קיין פוילן. דאָס רוב פון זיי האָבן שפּעטער אויסגעוואַנדערט פון דעם „יודענריינעם״ פוילן אין די לענדער פון דער א״ג „פרייער וועלט״. דאָ האָבן זיי ענדלעך אָנגעהויבן צו בויען, נאָך אַזוי פיל וואַנדערונגען, פּערמאַנענטע היימען. עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער — אַ נייער נאָך־מלחמהדיקער ייִדישער דור, שוין אויטער פוילן, דאָס וויגל פון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די שווערע יאָרן אין רוסלאַנד אָדער אין די נאַצי־לאַגערן, זענען אָנגעקומען אין זייערע נייע וווינערטער, ווי דאָס ווערטל גייט, „נאַקעט און באָרוועס״. זיי האָבן אָבער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ שווערן באַגאַזש — די קולטור־ירושה וואָס האָט זיך צענויפגעזאַמלט פון פיל דורות פוילישע ייִדן.

ייִדן אין פוילן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט „א מלוכה אין אַ מלוכה״. מיט קליינע אויסנאַמען, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באַדייטונג אין דעם דריי־און־אַ־האַלב מיליאָניקן ייִדישן ישוב אין פוילן האָבן זיך ייִדן אויסגעלעבט צווישן זיך קולטורעל, געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש און אַפילו מאַטעריעל, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַן ענג געבונדענעם כמעט האָמאָגענישן, קאָלעקטיוו; פאַלן פון קאָמפּלעטער אַסימילאַציע (און מיט דעם ווערט געמיינט שמד) זענען געווען זעלטענע. זייער אופן פון לעבן איז אין אַלע הינזיכטן געווען אַנדערש, אייגנאַרטיק, אָפּגעזונדערט פון דעם פוילישן אַרום.

אין די לענדער פון דער נאָכמלחמהדיקער אויסוואַנדערונג האָבן זיך די אימיגראַנטן פלוצלינג געפונען אין אַ נייער סיטואַציע.

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ געזעלשאַפט וואָס פאַרמאָגט דעמאָקראַטישע טראַדיציעס און גלייכבאַרעכטיקונג, ווו מען פאַרפאָלגט נישט און מען באַגרענעצט

אויב לאָגישע אויסרעכענונגען האָבן אַ וועלכן עס איז ווערט אין אָפּשאַצן פּאָליטישע אַנטוויקלונגען (כאָטש ניט אַלעמאָל, ווי די „פאָלקלענד״ מלחמה דעמאָנסטריט...), קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן, אין דער צוקונפט, אַ מלחמה צווישן מצרים און ישראל. אין דעם זין מעג מען גלייבן דעם מצרישן פּרעזידענט מובאַראַק, אַז זיין שטרעבונג פאַר בעסערע באַציאונגען מיט דער אַראַבישער וועלט, וועט נישט זיין אויפן חשבון פון ישראל. דאָס הייסט נישט, אַז עס וועט זיין אַ וואַרעמער שלום. די טעמפּעראַטור פון שלום וועט וואַרשיינלעך ווערן קילער אײדער זי וועט ווידער וואַרעמער ווערן.

וואָס שייך די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער אויטאָנאָמיע איז דערווייל נישטאָ קיין גרונט פאַר אָפּטימיזם. מצרים וועט נישט איינגיין אויף וועזנטלעכע קאָמפּראָמיסן צוליב פאַרשידענע טעמים. ערשטנס וויל מצרים אויסמיידן אַ באַשולדיקונג, אַז זי האָט „פאַרקויפט״ די פּאַלעסטינער.

אדרבא, למראית עין וויל מצרים שפּילן די ראָל פון דעם „טשעמפּיאָן״ פאַר די פּאַלעסטינער אַספּיראַציעס פאַר אַ זעלבשטענדיקער מדינה (אין דער אמתן איז מצרים נישט פאַראינטערעסירט אין אַ פּאַלעסטינער מדינה). צווייטנס איז מצרים קעגן אַריינציען ירדן אין די פאַרהאַנדלונגען, ווי עס איז פאָראויסגעזען אין קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך.

פון דער צווייטער זייט איז אויך ירדן נישט אינטערעסירט אָנצושליסן זיך אין די פאַרהאַנדלונגען אויס מורא, אַז דער צאָרן פון די פּ.ל.אָ. וועט זיך אויסגיסן אויפן קאָפּ פון קעניג כוסיין. ירדן איז אויך קעגן אַ פּ.ל.אָ.־מדינה אויף די שטחים אלס מורא, אַז דאָס וועט דעסטאַביליזירן כוסיינס קעניגרייך, וואָס איר באַפעלקערונג איז קנאַפּע 80 פּראָצענט פּאַלעסטינער.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען קאָן מען נישט זיין אָפּטימיסטיש אין אַ באַלדיקע לייזונג פון דעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלע צדדים.

אין די נייע קאָנסטעלאַציעס, וואָס אַנטוויקלען זיך אינעם מיטעלן מזרח אונטערן דרוק פון איראַן, איז די איזאָלירטע סיריע די איינציקע מדינה וואָס שאַרפט די שווערד קעגן מדינת ישראל.

די אַמביציעס פון דעם סירישן דיקטאַטאָר כאַפעץ אַסאַד פאַר אַ „גרויס סיריע״ מיט דער הילף פון איאַטאָלא כומעני, געהערן צו דער זעלבער קאַטעגאָריע פון די ווילדע חלומות, וואָס האָבן געשטויסן דעם איראַקישן סאַדאַם כוסיין צו אַ מלחמה מיט איראַן.

---

**פ.ס.** אין פריערדיקן נומער איז אין ד״ר פערשענדיקס אַרטיקל אַריינגעפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות: דער נאָמען פון ענגלישן היסטאָריקער דאַרף זיך לייענען **פּראָפ. אַרנאָלד טוינבי.**

אַזוי האָט די נייע אַנטוויקלונג גורם געווען די פולשטענדיקע איזאָלאַציע פון סיריע אין דער אַראַבישער וועלט פון קליין אַזיע.

היות סיריע איז היינט־צו־טאָג די איינציקע אַראַבישע מדינה, וואָס שטרעבט אָפן צו אַ מיליטערישן פאַרמעסט מיט מדינת ישראל, איז נייטיק אויפצוקלערן די פראַגע, פאַרוואָס סיריע, אַן אַראַביש לאַנד האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם נישט אַראַבישן איראַן קעגן איר אַראַבישן שכן — וויסנדיק פון פאָראויס, אַז דאָס וועט זי איזאָלירן פון דער אַראַבישער וועלט אין דער געגנט?

עס איז פאַראַן אַ געאָ־פאָליטישער סכסוך צווישן איראַק און סיריע. איראַק האָט אַן אויג אויף דעם מזרחדיקן טייל פון סיריע ביז איבער די מערב־ברעגעס פון דעם עופראַט (נהר פרת). אויב עס וואָלט איראַק געלונגען זיך צו עטאַבלירן אַלס דער מעכטיקסטער מיליטעריש־פאָליטישער צענטער אין דער געגנט, וואָלט דאָס באַדראָט די זיכערקייט און גאַנצקייט פון סיריע. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען די הויפט־סיבה, וואָס סיריע האָט זיך פאַרבונדן מיט איראַן קעגן איראַק.

אין אָנהויב האָט סיריע בסוד געשטיצט איראַן. וויבאַלד די וואָגשאָלן האָבן זיך באַוויגן לטובת איראַן, האָט זיך סיריע אָפן געשטעלט אויף דער זייט פון איראַן, גלויבנדיק, אַז איראַק וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטן לבנון. דער מזרחדיקער טייל פון איראַק וועט אריינפאַלן אונטער דער השפעה פון איראַן און סיריע וועט זיך אויסשפרייטן איבער דעם מערב־טייל פון איראַק (אַ מין היטלער־סטאַלין אָפמאַך).

גלייכצייטיק גלויבט סיריע, אַז דער אַליאַנס מיט איראַן וועט איר העלפן אין אַ מלחמה מיט ישראל און דער אַלטער חלום פון „גרויס־סיריע" וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

דאָ קומען מיר צו דער פראַגע: ווי וועט זיך די לאַגע פון ישראל געשטאַלטיקן אין די נייע פאָליטיש־מיליטערישע קאָנסטעלאַציעס, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט?

צו ערשט דאַרף מען באַמערקן, אַז די ראָל פון אַמעריקע אין דעם דראָענדן קאָנפליקט איז באַגרענעצט צוליב אַ גאַנצע רייע טעמים.

עס איז נישט אין די אינטערעסן פון די אַראַבישע לענדער איינצולאַדן אַמעריקאַנער דיוויזיעס צו פאַרטיידיקן דעם ראַיאָן אין אַ צווישן־איסלאַמישן קאָנפליקט. צווייטנס באַשטייט אַ מעגלעכקייט, אַז איראַן וועט נישט דירעקט אָנגרייפן, נאָר באַמיען אונטערצוגראָבן די אַראַבישע רעזשימען פון אינעווייניק, דורך אַ בירגער־קריג. דריטנס: דאָס לאַנדן פון אַמעריקאַנער דיוויזיעס אין דער געגנט איז מסוגל ארויסצורופן אַ קאָנפראָנטאַציע מיט רוסלאַנד, וואָס אַמעריקע וויל פאַרמיידן, כל־זמן די אויל־קוואַלן פון סאַוד אראביע וועלן נישט זיין דירעקט באַדראָט. פערטנס: אויב איראַן זאָל ריקזיכטלאָז באַפאַלן די אַראַבישע לענדער אין אַן אָפענער מלחמה, וואָס וואָלט געצווונגען די אַמעריקאַנער אַרמיי צו אינטערווענירן, וואָלט דאָס גורם געווען אַ „וויעטנאַם" קאָנפליקט קעגן איראַן, געשטיצט דורך רוסלאַנד. דאָס וואָלט אויסגע־פלאָסטערט דעם וועג פאַר די איראַנישע „טודע" (קאָמוניסטישע) פאַרטיי צו פאַרכאַפן די מאַכט אין איראַן.

פון די אַלע היפאָטעטישע אַלטערנאַטיוון איז קלאָר, אַז די ריזיקע פאַר אַמעריקע איז צו גרויס זיך צו אַנגאַזשירן דירעקט אין דעם דראָענדיקן קאָנפליקט.

אין אַזעלכע אומשטענדן איז מצרים דאָס איינציקע אַראַבישע לאַנד, וואָס פאַרמאָגט דעם פאָטענציעלן מיליטערישן כוח צו פאַרטיידיקן די קליינע גאָלף־מדינות און סאַוד אַראַביע, קעגן אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן (דורך אַ בירגער־קריג) אָנגריף פון איראַן.

אין דעם צוזאַמענהאַנג קומען פאָר אונטערהאַנדלונגען, מיטן ציל צו שאַפן אַן אַליאַנס, וואָס וועט אַרומנעמען די לענדער פון איראַק, די גאָלף־מדינות, סאַוד אַראַביע, ירדן און מצרים — אַן אַליאַנס קעגן איראַן און סיריע.

גלייכצייטיק איז פאָראויסצוזען, אַז אויב מצרים וועט זיך דעצידירן אָנצונעמען די ראָל אַלס פאַרטיידיקער פון די אַראַבישע לענדער אין דעם ראַיאָן, וועט דאָס געשען נאָר דאַן, אויב אַמעריקע וועט צושטעלן דאָס געהעריקע וואָפן און די אַראַבישע אויל־לענדער וועלן דעקן אַלע הוצאות און געבן ברייטע עקאָנאָמישע שטיצע אין וועלכער מצרים נייטיקט זיך.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז סיריע איז אידענטיפיצירט אַלס פאַרבינדעטע מיט איראַן און פולשטענדיק איזאָלירט אין דעם ראַיאָן, איז דערווייל די אַראַבישע דירעקטע קאָנפראָנטאַציע קעגן ישראל אָפגעשטופט געוואָרן.

מצרים, אָנשליסנדיק זיך אין דער נייער פאַרטיידיקונגס־קאָנסטעלאַציע קעגן איראַן איז נישט אינטערעסירט זיך צו פאַרוויקלען אין אַ מלחמה קעגן ישראל.

יאָרן לאַנג פאַרן קומען קיין ירושלים, האָט סאַדאַט פעסטגעשטעלט, אַז די מלחמות קעגן ישראל זענען נישט געווען „עגיפטישע מלחמות", דאָס מיינט: מלחמות אין די אינטערעסן פון עגיפטן. סאַדאַט האָט זיך באַקלאָגט, אַז אין קאָנסעקווענץ פון די דאָזיקע מלחמות איז מצרים פאַראָרימט געוואָרן.

ניינציק פראָצענט פון מצרים איז אַ ווילדער מדבר. די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט זיך מיט הונדערט טויזנט אַ יעדן חודש, דער קליינער אַגריקולטור־שטח פאַרקלענערט זיך יאָר איין, יאָר אויס כדי צו מאַכן פלאַץ פאַר שטאָטישער אַנטוויקלונג. די אינדוסטרי איז פרימיטיוו און נישט פראָדוקטיוו. די אַרבעטסלאָזיקייט באַטרעפט פאַקטיש 25 פראָצענט. די פינף פראָצענט רייכע ווערן רייכער, די 95 פראָצענט אָרימע, ווערן אָרימער. די קאָרופציע איז גרויס.

פאַר די מלחמות מיט ישראל האָט דאָס עגיפטישע פאָלק באַצאָלט מיט בלוט און אוצרת, ממש פאַרמשכנט דאָס פאָלק און לאַנד, בעת די אויל־רייכע רעזשימען, וואָס האָבן געהעצט און פראָוואָצירט די דאָזיקע מלחמות, האָבן זייערע פעטראָ־דאָלאַרן אינוועסטירט אין דער מערב־וועלט.

נאָכן צוריקבאַקומען דעם סיני האָט מצרים מער נישט קיין געאָ־פאָליטישן קאָנפליקט מיט מדינת ישראל.

די דריי קליינע אינדזלען אין דעם האָרמוז קאַנאַל, וואָס קאָנטראָלירן דעם דורכגאַנג פון פערסישן גאָלף צום אָמאַן גאָלף און דעם אינדישן אָקעאַן. פון דער צווייטער זייט האָט דער שאַך פון איראַן זיך פאַרפליכטעט אָפּצושטעלן זיין שטיצע פאַר די קורדיסטאַנישע אויפשטענדלער אין צפון פון איראַק.

נאָכן פאַלן פון איראַנישן שאַך האָט סאַדאַם כוסיין באַשלאָסן אויסצונוצן דעם אינערלעכן ווירוואַר און בלוטבאַד פון דער כומעניִשער רעוואָלוציע. ער האָט צעריסן דעם שלום־אָפּמאַך און אַריינמאַרשירט קיין איראַן.

סאַדאַם כוסיינ׳ס צילן זענען געווען טעריטאָריאַלע און פּאָליטישע. טעריטאָריאַלע: די דריי קליינע אינדזלען אין דעם האָרמוז קאַנאַל און אַ קליינער פּאַס טעריטאָריע אויף דער איראַנישער זייט פון דעם וואַסער־וועג שאַט אַל־אַראַב. (די געגנט פון דעם אויל־פּאָרט קאָראַמשאַר).

הויפּטזעכלעך האָט דער איראַקישער דיקטאַטאָר געצילט צו דערגרייכן פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון אַ גאָר גרויסער מדרגה. ער איז געווען זיכער, אַז נאָכן צעשמעטערן די דעזאָרגאַניזירטע און דעמאָראַליזירטע איראַנישע אַרמיי אין אַ מיליטערישן בליץ־קריג וועט זיך דער כומעניִשער שיִאַ רעזשים צוזאַמענברעכן און איראַק וועט ווערן דער מיליטערישער און פּאָליטישער צענטער פון דער אַראַבישער וועלט.

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס איז אַלץ געגאַנגען לויט סאַדאַם כוסיינס פּלאַן. די איראַנישע אַרמיי האָט געליטן מפּלות. איראַק האָט פאַרכאַפּט די קוזיסטאַנע פּראָווינץ, וואָס האָט אַן אַראַבישע באַפעלקערונג און אויך אויל־קוואַלן.

סאוד אַראַביע און דער קעניג פון ירדן — מער דערשראָקן, ווי באַגייסטערט פון דעם מיליטערישן דערפאָלג, האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון איראַק (פון איין זייט האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דער אויסשפּרייטונג פון דעם שיִאַ־פונדאַמענטאַליזם. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך געוואָלט איינקויפן חסד ביים איראַקישן זיגער).

צוואַנציק חדשים שפּעטער. אין בלוטיקע קאַמפן מיט צענדליקער טויזנטער קרבנות אויף ביידע זייטן, ווערט דאָס איראַקישע מיליטער צוריקגעשטויסן. דער חורבן פון דער איראַקישער אַרמיי איז מער נישט קיין ספק. די איראַנישע דיוויזיעס שטייען ביי די גרענעצן פון איראַק.

אין דעם פייער וואָס דער איראַקישער דיקטאַטאָר האָט צעפלאַקערט, דראָט סאַדאַם כוסיינ׳ס רעזשים פאַרברענט צו ווערן, און נאָך מער...

די ציניִשע און ברוטאַלע אַגרעסיע פון איראַק האָט פאַראייניקט דאָס איראַנישע פאָלק אין קאַמף צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און אַזוי אַרום געשטאַרקט און באַפעסטיקט דעם כומעניִשן שיִאַ־רעזשים.

עס איז נישט וויכטיק צי די איראַנישע אַרמיי וועט איבערטרעטן די איראַקישע גרענעצן אינעם איצטיקן מאָמענט. איינמאָל הייסט עס, אַז איראַן פּלאַנירט נישט צו באַזעצן איראַק. גלייכצייטיק אָבער באַהויפּטן די איראַנישע מוללאַס, אַז צוליב מיליטערישע סיבות וועט די איראַנישע אַרמיי זיין געצוווּנגען „איבערצוטרעטן“ די גרענעץ. לויטן ענגלישן זשורנאַל: „עקאָנאָמיסט“ איז איינע פון די „מיליטערישע סיבות“: פאַרזיכערן דעם צוזאַמענברוך פון פּרעזידענט כוסיינ׳ס רעזשים.

איינס איז זיכער: אויב די איראַנישע אַרמיי וועט איבערטרעטן די גרענעצן פון איראַק, וועט דאָס זיין דער אָנזאָג פון אַ נייער ברייטער, רעגיאָנאַלער מלחמה, צווישן איראַן און דער אַראַבישער וועלט אין קליין־אַזיע; אַ מלחמה־פייער, וואָס וועט דירעקט אַריינציען די לענדער פון סאוד אַראַביע, קווייט, באַהריין. די עמיראַטן און אַנדערע לענדער.

אויב איראַן, שטייענדיק אויף די גרענעצן פון איראַק וועט דערווייל נישט איבערטרעטן אָפּן די איראַקישע גרענעצן — שאַפט דאָס אָבער אַ נייע פּאָליטיש־מיליטערישע רעאַליטעט.

דער פאַנאַטיש־רעוואָלוציאָנערער שיִאַ־פונדאַמענטאַליזם באַטראַכט די סונני־מאַהאָמעדאַנער אַלס פאַרטעטרישע פּושעים באַהערשט פון טייוול פון זינד און גאָט־פאַרשווערכונג.

די פונדאַמענטאַליסטישע שיִאַ־סעקטע איז נישט בלויז באַגרענעצט צו איראַן. אין אַ טייל פון די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, זענען די שיִאַ אַ מערהייט, ווי למשל אין איראַק גופא, און באַהריין. אין אַנדערע לענדער, ווי קוּווייט, סאודי אַראַביע זענען זיי אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט. עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז די איראַנישע שיִאַ מוללאַס ווילן אויסנוצן די שיִאַ באַפעלקערונג אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער, כדי צו דעסטאַביליזירן די רעזשימען פון די דאָזיקע לענדער. די איראַנישע אַיאַטאָללאַס מאַכן נישט קיין סוד, אַז זייער ציל איז צו עקספּאָרטירן זייער רעליגיעזע רעוואָלוציע.

אַזוי שאַפט זיך אַ נייע סיטואַציע: די מלוכה־מענער פון די גאָלף־מדינות זענען אין שרעק. ביי געשלאָסענע טירן קומען פאָר באַראַטונגען מיטן ציל צו שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן דעם כומעניִשן „האַניבאַל“, וואָס שטייט ביי זייערע טויערן.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די מערהייט פון דער איראַקישער באַפעלקערונג (און פון דער איראַקישער אַרמיי) געהערט צו דער שיִאַ סעקטע פון איסלאַם, איז דער דרוק פון דעם כומעניִשן רעזשים מסוגל צו פאַרוואַנדלען איראַק אין אַ צווייטן לבנון: אַ בירגער־קריג צווישן צוויי איסלאַמישע סעקטן. די שיִאַ סעקטע געשטיצט דורך איראַן קעגן די הערשנדיקע סונני. עס איז באַוווּסט, אַז שיִאַ־מוללאַס פון איראַק ווערן איצט טרענירט אין איראַן. דער זעלבער גורל דראָט באַהריין, קוּווייט און אין אַ געוויסער מאָס סאוד אַראַביע.

אין דער ניי געשאַפענער לאַגע, זוכן די דירעקט באַדראָטע גאָלף־מלוכות צו דערגרייכן אַ פּאָליטישן אַליאַנס, וואָס זאָל ארומנעמען סאוד אַראַביע, די קלענערע גאָלף־מלוכות, די עמיראַטן, דאָס קעניגרייך פון ירדן און מצרים. דער דאָזיקער אַליאַנס דאַרף זיין נישט נאָר אין פאַרטיידיקונג קעגן איראַן, נאָר אויך קעגן סיריע, וואָס האָט זיך אָפן און אַקטיוו פאַרבונדן מיט איראַן, דעם שונא פון דער אַראַבישער וועלט.

ד"ר מ. פערשטענדיק

# אַ נייער פּאָליטישער שאַך־ברעט

(אונטער דעם דרוק פֿון איראַן)

אַ נייע קאָנסטעלאַציע שאַפֿט זיך אין דעם ראַיאָן, וואָס נעמט אַרום דעם מיטעלן מזרח. פּאָליטישע אַנאַליסטן באַצייכענען היינט דעם ראַיאָן מיטן נאָמען „דרום־מערב אַזיע", ווייל ער ציט זיך פֿון אַפֿגאַניסטאַן ביז מצרים.

דער הויפּט־קאַטאַליסט פֿאַר דער נייער קאָנסטעלאַציע איז דער דרוק פֿון איראַן אויף איראַק און די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות.

אין די ראַמען פֿון דעם דאָזיקן איראַנישן דרוק אויף די אַראַבישע לענדער מוזן מיר באַטראַכטן די לאַגע פֿון ישראל, די באַציאונגען מיט מצרים, די פּאַלעסטינער פּראַגע, ווי אויך דעם פּאָטענציעלן פֿאַרמעסט פֿון די אַראַבישע קאָנפֿראָנטאַציע לענדער קעגנאיבער מדינת ישראל.

די ישראל־אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון סיני. די עגיפּטישע גרענעץ־וואַך שטייט ביי די אינטערנאַציאָנאַלע גרענעצן צווישן מצרים און ישראל. די מאָדערנסטע מיליטערישע פֿלי־פֿעלדער, וואָס ישראל האָט אויפֿגעבויט אין סיני, נישט ווייט פֿון אילת, געפֿינען זיך אין די הענט פֿון מצרים (אַפֿילו ווען זיי טאָרן נישט באַנוצט ווערן פֿאַר מיליטערישע צוועקן).

די פֿראַגע וואָס יעדער שטעלט זיך, איז: צי וועט מצרים האָנאָרירן דעם שלום־אָפּמאַך מיט ישראל? צי וועט מצרים נאָך דעם, ווי זי האָט צוריקבאַקומען דעם סיני אָן אַ שאָס־פּולווער, זיך ווידער אָנשליסן אין דעם אַראַבישן קאָנפֿראָנטאַציע פֿראָנט קעגן ישראל און צערייסן דאָס פּאַפּיר, וואָס הייסט: דער „שלום־אָפּמאַך"? אויב דאָס זאָל געשען, וועט די געשיכטע באַצייכענען דעם קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך אַלס דעם גרעסטן שווינדל און חוזק אין די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן פֿעלקער. די מאָדערנע יידישע געשיכטע וועט דאָס צוריקגעבן דעם סיני באַצייכענען אַלס אַ שרעקלעכן טעות.

גלייכצייטיק געפֿינען זיך די שטחים פֿון יהודה און שומרון אין אַ צושטאַנד פֿון אומרוען.

די פֿאַרהאַנדלונגען צווישן מצרים און ישראל וועגן דער אויטאָנאָמיע אין די שטחים פֿון יהודה, שומרון און עזה האָבן זיך נישט גערירט פֿון אָרט אין די לעצטע צוויי יאָר און געפֿינען זיך איצט אין שטילשטאַנד מיט גאַנץ קליינע אויסזיכטן פֿאַר דערפֿאָלג. די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז דער צווייטער טייל פֿון קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך.

די אָפֿיציעלע שטעלונג פֿון דעם עגיפּטישן צד איז, צו דערגרייכן אַן אויטאָנאָמיע פֿאַר די שטחים, וואָס זאָל לייגן דעם גרונטשטיין פֿאַר אַ זעלבשטענדיקער פּאַלעסטינער מדינה, מיט מזרח־ירושלים אַלס הויפּטשטאָט (נאָך אַ קורצן טראַנזיטאָרישן פּעריאָד).

דער ישראלדיקער צד האַלט זיך ביים טעקסט פֿון קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך, וואָס זעט פֿאָר א פֿולע אויטאָנאָמיע פֿאַר די איינוווינער פֿון די שטחים, אָבער נישט פֿאַר די שטחים גופֿא. דורכן אויסקעמפֿן (אין די קעמפּ־דייוויד פֿאַרהאַנדלונגען) דעם באַגריף „אויטאָנאָמיע פֿאַר די אַראַבישע איינוווינער" פֿון די שטחים (אָבער נישט פֿאַר די שטחים) האָט זיך ישראל לעגאַליסטיש פֿאַרזיכערט ווייטער אָנצוגיין מיט עטאַבלירן און אַנטוויקלען ישובים אין די געביטן.

דערווייל טומלט זיך אויף די שטחים. די פּ.ל.אָ. העצט אונטער סטודענטן און שול־קינדער צו אַן „אויפֿשטאַנד" מיט וואַרפֿן שטיינער אויף די מיליטערישע פּאַטראָלן. עס קומט צו שיסערייען (אין זעלבסטפֿאַרטיידיקונג) און עס פֿאַלן באַדויערלעכע קרבנות, וואָס דאָס איז אייגנטלעך דער ציל (פֿער סע) פֿון די פּ.ל.אָ., ווייל דערשאָסענע שול־קינדער מאַכן אַ רושם אין דער וועלט'ס עפֿענטלעכער מיינונג.

✶

איצט לאָמיר באַטראַכטן די צווישן־פֿאַרהעלטניש פֿון די נייע און אַלטע פֿאַקטאָרן אין דעם געביט פֿון דרום־מערב אַזיע און זייער השפּעה אויף דער לאַגע פֿון ישראל.

דיקטאַטאָר סאַדאַם כוסיין האָט צעריסן דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיטן געוועזענעם שאַך פֿון איראַן. אין דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך האָט סאַדאַם כוסיין אָנערקענט די איראַנישע סווערעניטעט אויף רויסזאָגונגען (און ווונטשן) איז זי היינט אַ דעצידירנדיקער כוח אין מיטעלן מזרח. אין פֿאַרגלייך אָבער מיט די גרויס־מאַכטן, האָט זי נישט דעם כוח צו דיקטירן אירע באַדינגונגען, און מוז פֿון צייט צו צייט זיך צוהערן (ווילנדיק - נישט ווילנדיק) צו די „מאָראַלישע" עצות פֿון אַנדערע, וואָס ווייזן איר אָן דעם „ריכטיקן" וועג צו שלום, הגם די אַליין האַלטן אין איין פֿאַרגרעסערן און פֿאַרבעסערן זייער קריגס־פּאָטענציאַל. נאָך פֿיר מלחמות האָט מדינת ישראל געוווּנען שלום מיט מצרים און אַ לענגערע אָטעם פּויזע מיט אירע אַנדערע שכנים.

וואָס לערנט ישראל פֿון דער פֿירונג פֿון דער וועלט?

נאָך אַלע דעמאָנסטראַציעס פֿאַר שלום, האָט מנחם בעגין צווייי מאָל באַקומען דעם מאַנדאַט צו רעגירן מיט דער מדינה, און ווי עס ווייזן די לעצטע אויספֿרעג־אַנקעטעס איז דיין פּאָפּולאַריטעט אַ סך גרעסער, ווי פֿון די פֿירער פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

דאָס געשעט טראָץ דעם, וואָס די מעדיאַ באַהויפּטעט, אַז די בעגין רעגירונג פֿירט צו מלחמה.

אזוי זעט וואַרשיינלעך אויס דער דרך פֿון דער וועלט: נישטאָ קיין שלום, אָן מלחמה.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

יוני־יולי 1982 | נומער 3 (32) | מעלבורן־אויסטראַליע

## די מלחמה פאַרן שלום

דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישט פריי פון פאַראַדאָקסן. דער רעזולטאַט פון עצם געבוירן ווערן, איז שטאַרבן. דער עצם ציל פון מלחמה איז — ווי מען פאַרזיכערט אונדז — נישט די מלחמה אַן און פאַר זיך — נאָר איר העכערער ציל צוליב וועלכן זי ווערט געפירט.

לעולם וויל קיינער נישט קיין מלחמה (אַזוי פאַרזיכערט מען אונדז אויך) נאָר זי ווערט אויפגעצוווּנגען דורך די, וואָס פּראָוואָצירן זי. דעם וואָס פּראָוואָצירט אַ מלחמה, רופט מען געוויינטלעך אָן: אַגרעסאָר פון דער געשיכטע אָבער ווייסן מיר, אַז אַגרעסאָרן האָבן אויך פאַרבינדעטע.

זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה איז נאָך נישט פאַרביי איין טאָג, אַז ערגעץ ווו אין דער וועלט זאָל זיך ניט צעפלאַקערן אַ מלחמה. כדי צו מילדערן דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק (ווייל אין זכרון פון דער מענטשהייט איז נאָך פריש אַפילו דער פאַרניכטנדיקער רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, שוין אָפּגערעדט פון דער צווייטער, וואָס האָט געבראַכט דעם חורבן פון יידישן פאָלק און היראָשימאַ) טרייסט מען אונדז, אַז די אָדער יענע מלחמה איז בלויז אַ לאָקאַלע מלחמה, אַ רעגיאָנעלע; עפּעס דאָרטן אַ בירגער־קריג; אַן אויפשטאַנד קעגן אַ מיליטערישער קליקע. די אַלע אויפקלערונגען פאַרשטעלן אָבער נישט דעם טרויעריקן פאַקט פון ענדפּראָדוקט: די טויזנטער טויטע; די צענער־טויזנטער פאַרוווּנדעטע; פאַרברענטע דערפער; הונגער און עפּידעמיעס.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך גענומען דוכטן, אַז די באַפעלקערונג אין דער וועלט, ספּעציעל אין אייראָפּע — האָט מיטאַמאָל דערשפּירט צו וואָס זי איז אויסגעשטעלט צוליב דער פאַרשפּרייטונג פון דער נוקלעאַר טעכנאָלאָגיע. אין די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע און אַמעריקע זענען פאָרגעקומען אַנטי־באַוואָפענונגס־דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן אימפּאָנירט מיט זייער פאַרנעם. עס ווילט זיך גלויבן — אויך מיט זייער אויפריכטיקייט.

נעמט אויך דאָ ווירקן די פאַראַדאָקסאַלע קאָמבינאַציע פון מענטשלעכן כאַראַקטער: ביי פאַרלאַמענט־וואַלן ווערן ווידער געוויילט פּאָליטיקער, וואָס זייער פּאַטריאָטישע אײנשטעלונג איז די פאָרמול, אַז: מיין פאָלק און מיין לאַנד זענען תמיד גערעכט...

דאָס פירט אייגנטלעך צו מער און שטאַרקערער באַוואָפענונג, ווייל לויט דער מאָראַלישער איינשטעלונג פון דער וועלט בלייבט דער שטאַרקער גערעכט אַפילו דאַן, ווען מען לאָזט אים וויסן, אַז ער איז אומגערעכט. דער בעסטער ביישפּיל איז: דאָס אַריינמאַרשירן פון סאָוויעט־רוסלאַנד קיין אַפגאַניסטאַן. נאָכן גרויסן אויסגעשריי פון שטעמפּלען דעם אַגרעסאָר, האָט זיך די וועלט צוגעוווינט און די האַנדלס־באַציאונגען צווישן די סאָוויעטן און דער פרייער וועלט איז אויפן זעלבן ניוואָ, אידער דער אינוואַזיע.

די באַגלייט־דערשיינונג פון די טאָג־טעגלעכע באַוואָפנטע קאָנפליקטן אין דער וועלט, זענען די טעראָר און הידשעק־אַקטן. זיי זענען דער אויסדרוק פון הפקרות און מאַכטלאָזיקייט.

עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט געדאַרפט זיין די מלחמה צו פאַרענדיקן אַלע מלחמות. אַ דאַנק איר האָבן די קאָלאָניאַלע פעלקער באַקומען אומאָפּהענגיקייט. (און דערמיט די מעגלעכקייט אויסצוגלייכן אַלטע שבטים־חשבונות און מאַכט אַמביציעס). מ׳האָט דערוואַרט אַ נייעם רעגנבויגן, וואָס זאָגט אָן, אַז מער קיין מבול וועט נישט זיין.

שטייען מיר אַצינד פאַר אַ פרישן „קאָנפליקט" (קאָנפליקט קלינגט סובטעלער ווי מלחמה, וואָס מיינט שוין רויע, ברוטאַלע קראַפט) צווישן צוויי ציוויליזירטע לענדער: ענגלאַנד און אַרגענטינע.

בידע לענדער האָבן זייערע מאָטיוון, אָבער נאָכן לאָגישן דורכפילטערן זיי באַקומט זיך אַז: פּאַטריאָטישע געפילן, פּרעסטיזש פון פאָלק איז דער הויפּט־מאָטיוו, און פאַרכאַפּט פון בלינדן נאַציאָנאַליזם איז מען גרייט מקריב צו זיין צענדליקער יונגע לעבנס און מאַטעריעלע גיטער, הגם בידע לענדער קאָן זיך עס נישט דערלויבן.

אָן אונטערשיד ווער פון די צוויי לענדער עס וועט זיגן, וועלן בידע פאַרשפּילן, ווייל ס׳איז פשוט נישטאָ וואָס צו געווינען...

אין אָט דער וועלט אַריין איז געבוירן געוואָרן מדינת ישראל. ווי יונג זי איז נישט געווען, האָט זי באַלד דערשפּירט איר מלחמה־גיריקן אָטעם. טראָץ אַלע פאַ־

## „קדימה"

מיר האָבן דעם פאַרגעניגן צו מעלדן דעם יידישן ציבור אין מעלבורן,
אַז אויף דער איינלאַדונג פון „קדימה"
וועט דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער און רעדנער

# ד"ר העשיל קלעפּפיש

האַלטן רעפעראַטן אין קדימה".

ערשטער רעפעראַט: זונטיק, דעם 15טן אויגוסט 1982

לעצטער אויפטריט: מיטוואָך, דעם 15טן סעפטעמבער 1982

האַלט פריי די דאַטעס
פאַר די באַלערנדיקע און אינטערעסאַנטע רעפעראַטן.

---

טייערע רוזשקע און משפחה,
מיר זענען מיט אייך אין טיפן טרויער
צוליבן פריצייטיקן טויט פון אייער

# מיעטעק

מיר וועלן אים געדענקען ווי אַ גוטן
און פריינדלעכן מענטש און חבר.

כבוד זיין אָנדענק.

גורפינקעל מלכה
געטלער זאָשע
דעמבינסקי פאַלע און יאָסל
וואַרשאַווסקי יהודית און גוטעק
לערמאַן כייטשע און יאַנקל
פלאַטקאָווסקי פעלע און סעוועק
פייגמאַן דבורה און דודע
קאָרמאַן יידל און עדזשע

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


**מ. א.** — די מלחמה פאַרן שלום . . . . . . . . . . . . 1

**דר. מ. פערשטענדיק** — אַ נייער פּאָליטישער שאַך־ברעט . . . . . . . . . 2

**י. קאַפּע** — די דילעמע פון צוויי דורות . . . . . . . . . 5

אין דער לעצטער מינוט . . . . . . . . . . . . 7

**י. מ. לעווין** — דעמערטרוים פון מייסטער (פּאָעמע) . . . . . . . 8

**וו. יאַבלאָנסקי** — דריטע סעסיע פון וועלט־ראַט . . . . . . . . . 9

**מאַרק בעזובני** — געמאַכט די היים־אַרבעט... (דערציילונג) . . . . . . 11

**י. ראָזענבערג** — צוויי לידער . . . . . . . . . . . . 15

**רחל שעכטער** — דורך פאַרהאַקטע פענצטער (דערציילונג) . . . . . . . 16

**הערשל באַכראַך** — זכרונות פון אַ יידישן זעצער . . . . . . . . . 20

דוד הערמאַן טעאַטער באַנייט זיין טעטיקייט . . . . 23

**מ. אייזענבוד** — אביונים — וואָס האָבן געשאַפן אוצרות (רעצענזיע) . . . 24

**מגר. בן־ציון פעלדשוה** — אויפן וועג קיין בערלין (זכרונות) . . . . . . . . 25

**ש. בענעט** — לאָקאַלע קאָמענטאַרן . . . . . . . . . . . 27

**מעם** — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . . 28

אין אונדזער סביבה . . . . . . . . . . . . 30

פון „קדימה“־ביבליאָטעק . . . . . . . . . . . 31


פּרייז $1.50

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה“ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 3 (32) יוני–יולי 1982